# דער אוצר




כתה ה' - ראש השנה תשע"ב

## אוצר המועדים

### אבינו מלכנו חטאנו לפניך: אבינו מלכנו אין לנו מלך אלא אתה:

**הגאון רבי יהודה אסאד ז"ע**, זאגט פשט, מיט דעם וואס די גמרא זאגט, "מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול". אבער א רבי וואס איז מוחל אויף זיין כבוד, כבודו מחול. דער טעם זאגט די גמרא אין כתובות (דף ט"ז ע"א), וויבאלד א תלמיד חכם איז זוכה צו זיין גרויסקייט דורך זיין אייגענע יגיעה בתורה, ממילא איז ער אליין בעל הבית אויף זיין כבוד, און ווען ער וויל קען ער מוחל זיין דערויף. משא"כ א קעניג וואס דאס פאלק האט אים דערוועלט, איז ער נישט בעה"ב אויף דעם כבוד, ממילא קען ער נישט מוחל זיין דעם כבוד.

לכאורה, ווי אזוי קענען מיר מתפלל זיין צום רבוש"ע, אז ער זאל אונז מוחל זיין אונזערע עבירות, דער אויבערשטער איז דאך דער מלך פון די גאנצע וועלט, און ער קען נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד?

נאר לויטן טעם פון די גמרא, שטימט עס זייער גוט. ווייל דאס וואס מיר זאגן, מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול, איז דווקא אויב מיר האבן אים אויפגענומען אלס מלך. משא"כ דא, ווען דער אויבערשטער איז א ליין געווארן מלך אויף די וועלט, איז ער בעה"ב אויפן כבוד, און ער קען מוחל זיין אויפן כבוד ווען ער וויל. ממילא קענען מיר בעטן פונעם אויבערשטן, אז ער זאל אונז מוחל זיין אויף אונזערע עבירות.

דאס בעטן מיר ביים דאווענען: **"אבינו מלכנו חטאנו לפניך"**, און זיי אונז מוחל אויף די עבירות. אויב וועסטו טעהנ'ען, אז דער אויבערשטער קען נישט מוחל זיין ווייל מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול. וועגן דעם זאגט מען ווייטער: **"אבינו מלכנו אין לנו מלך"**, אז מיר האבן דיר נישט אויפגענומען אלס מלך. **"אלא אתה"**, דו האסט זיך א ליינס געמאכט מלך אויף די גאנצע וועלט, ממילא ביסטו בעה"ב אויפן כבוד, און דו ביסט בארעכטיגט מוחל צו זיין אויפן כבוד.

➢•➣

### וכל הרשעה כולה בעשן תכלה:

לכאורה איז שווער, וואס דערמאנען מיר דא דעם ענין פון עשן - רויעך?

**כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**, איז דאס מסביר, מיט די רמז וואס איז באקאנט, פונעם סניגורן של ישראל, דער הייליגער **בארדיטשוב'ער רב** זי"ע, אז דאס וואס מען זאגט, אז די מלאכים וועלכע קומען ארויס פון די תקיעות **"קשר"ק"**, זאלן מליץ טוב זיין פאר אונז. דאס זענען די מלאכים וואס ווערן באשאפן ווען די אידן זענען עוסק אין מצות בדיקת און ביעור חמץ. **"קשר"ק"** איז ר"ת **ק**'ראצן **ש**"יען **ר**"יבן **ק**'ערן. און דאס איז א מליצה ישרה מיר זאלן זוכה זיין ביים משפט.

דאס איז פשט: **"וכל הרשעה כולה"**, אלע עבירות פון כלל ישראל. **"בעשן"**, מיט די רויעך פון שריפת חמץ. **"תכלה"**, זאלסטו דאס פארלענדן. און דאס זאל מכפר זיין אויף אונזערע עבירות.

## אוצר הידיעות

### זה היום תחילת מעשיך

דער **ר"ן** (ר"ה פ"א) ברענגט פונעם **פסיקתא** א טעם, פארוואס דער אויבערשטער האט באשטימט ראש השנה פאר דעם **יום הדין**. ווייל אין דעם טאג איז **אדם הראשון** באשאפן געווארן. ווייל די וועלט איז באשאפן געווארן כ"ה אלול, (לויט ר' אליעזר אז בתשרי נברא העולם) קומט דאך אויס אז די זעקסטע טאג - וואס דעמאלטס איז אדם הראשון באשאפן געווארן - איז געווען ראש השנה. ביים דאווענען ראש השנה, דערמאנען מיר אויך דעם ענין: **"זה היום תחלת מעשיך"**.

אין דעם טאג האט אדם הראשון געזינדיגט מיטן חטא עץ הדעת, און דער אויבערשטער האט אים מוחל געווען און פארגרינגערט זיין פסק דין. דעריבער וויבאלד דער טאג א' תשרי איז שוין פון אנהייב געווען א יום הדין, און א יום סליחה, דערפאר האט דער באשעפער באשטימט דעם טאג פאר אלע דורות אז דאס זאל זיין דער "יום הדין".

אין **מדרש** ווערט געברענגט, דער סדר פון דעם טאג וואס אדם הראשון איז באשאפן געווארן:

די **"ערשטע"** שעה אין טאג, האט דער אויבערשטער געהאט אין זיין מחשבה צו באשאפן דעם מענטש.

די **"צווייטע"** שעה, האט זיך דער אויבערשטער באראטן מיט די מלאכים, אויב ער זאל אים באשאפן.

די **"דריטע"** שעה, האט דער אויבערשטער איינגעזאמלט די ערד, וואס אדם הראשון איז דערפון באשאפן געווארן.

די **"פערטע"** שעה, האט אים דער אויבערשטער געקנעטן, אזוי ווי מען קנעט א טייג.

די **"פינעפטע"** שעה, האט דער אויבערשטער אים אויסגעפארעמט.

די **"זעקסטע"** שעה, האט דער אויבערשטער פארטיג געמאכט זיין גוף, ער זאל ווערן פלייש מיט ביינער און אדערן, און א הויט ארויף געצויגן.

די **"זיבעטע"** שעה, האט דער אויבערשטער אריינגעבלאזן אין אים א נשמה.

די **"אכטע"** שעה, האט דער אויבערשטער אים אריינגעפירט אין גן עדן.

די **"ניינטע"** שעה, האט אים דער אויבערשטער באפוילן, אז ער זאל נישט עסן פון דעם עץ הדעת.

די **"צענטע"** שעה, האט ער געזינדיגט, און ער האט געגעסן פון דעם עץ הדעת.

די **"עלעפטע"** שעה, האט אים דער אויבערשטער גע'משפט אז ער זאל שטארבן.

די **"צוועלעפטע"** שעה, האט דער אויבערשטער פארגרינגערט זיין משפט אז ער זאל בלייבן לעבן, און ער איז ארויס פון דעם משפט ריין.

**א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר, פאר אלע טייערע קינדער שיחיו**

# אוצר החג

## די פיר נעמען פון דעם יום טוב

**ראש השנה האט פיר נעמען, ואלו הן: ראש השנה: דער אנהייב פון דער נייע יאר. יום הזכרון: דער טאג וואס דער אויבערשטער געדענקט כלל ישראל צו א גוט געבענטשט יאר. יום הדין: דער טאג וואס דער אויבערשטער טוט משפט'ן די גאנצע וועלט. יום תרועה: אזוי ווערט דער טאג גערופן אין די תורה, ווייל אין דעם טאג איז דא א מצוה פון בלאזן שופר.**

### ראש השנה

אין די גאנצע תורה ווערט נישט דערמאנט דעם נאמען "ראש השנה". אויב אזוי פארוואס רופן חז"ל דעם יום טוב מיטן נאמען ראש השנה?

**הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע**, זאגט דער טעם: ראש השנה דארף יעדער איינער פארברענגען א גאנצן טאג מיט תורה און תפלה. ווייל דער ענין פון ראש השנה, איז גלייך צו איינעם וואס וויל אנהייבן צו בויען א הויז, מוז ער קודם אפמאלן אויפן פאפיר דעם גאנצן פלאן פונעם בנין, פונקטליך ווי אזוי דאס הויז וועט אויסזעהן, און נאר נאכדעם הייבט מען אן צו בויען דעם בנין, לויטן אפגעמאלענעם פלאן. די זעלבע איז אויך ראש השנה, וואס איז דער יסוד פון דעם גאנצן יאר. אזוי ווי מען פירט זיך אויף ראש השנה, ווערט דאס אזוי אנגעצייכנט, און אזוי וועט מען זיך מיט אים פירן דאס גאנצע יאר.

אין ספר **"ליקוטי תורה"** (פ' תבא, ד"ה יום זה), שרייבט ער, דער טעם פארוואס מען רופט דעם יום טוב **"ראש השנה"** און נישט **"תחלת השנה"**. ווייל פונקט אזוי ווי ביי א מענטש, איז דער קאפ דער הויפט פונעם מענטש. אזוי אויך איז דא א בחינה אין די טעג פונעם יאר, אז דער ערשטער טאג פונעם יאר, איז דער קאפ פונעם יאר.

דער הייליגער **ייטב לב** זי"ע, טייטשט דעם פסוק (דברים יא יב) "מראשית השנה ועד אחרית שנה", אנפאנג יאר האפט יעדער, אז די נייע יאר וועט זיין **"השנה"** מיטן ה"א הידועה, דאס יאר וועט מען שוין אויסגעלייזט ווערן. אבער סוף יאר זעהט מען נעבעך, אז עס איז געווען **"שנה"**, א פשוט'ע יאר, וואס מיר זענען נישט אויסגעלייזט געווארן. מיט דעם איז **כ"ק מרן רבינו שליט"א** מסביר, פארוואס דער יו"ט ווערט אנגערופן "ראש השנה". מרמז צו זיין, אז ביים **"ראש"** פונעם יאר, האפט מען אז עס וועט זיין **"השנה"**, א שנת אורה, שנת ברכה, שנת גאולה וישועה.

### יום הזכרון

ראש השנה ווערט אויך אנגערופן "יום הזכרון", דאס איז א טאג פון דערמאנונג. אין דעם טאג געדענקט השי"ת אלע מעשים פון דעם מענטש וואס ער האט געטוהן א גאנץ יאר, און השי"ת געדענקט צו משפט'ן די וועלט צום גוטן. אויך געדענקט השי"ת דעם זכות פון אונזערע אבות "אברהם יצחק יעקב", און דעם זכות פון "עקידת יצחק".

דער הייליגער **תפארת שלמה** זי"ע, זאגט א טעם פארוואס דער יו"ט ווערט אנגערופן "יום הזכרון". ווייל דעם ערשטן טאג ראש השנה דארפן מיר געדענקען צו מתפלל זיין אויף דעם כבוד פון השי"ת, און אויף די צער וואס די שכינה הקדושה ליידט אין גלות. דעם צווייטן טאג ראש השנה דארף מען געדענקען מתפלל צו זיין, און מעורר רחמים זיין, פאר כלל ישראל אלעס גוט'ס. ווי דער פסוק זאגט (מלאכי ג, טז): "אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחשבי שמו". דעמאלטס ווען די "יראי ה'" וועלן צווישן זיך רעדן, וועט השי"ת פארנעמען די רייד, און הערט זיי צו, און הייסט זיי אויפשרייבן, זיי זאלן זיין אין ספר זכרון פאר אים, אויף די וואס האבן מורא פאר השי"ת און פאר די וואס טראכטן ערליך צו האלטן זיין נאמען. און כל שכן, ווער עס געדענקט זיין חבר, מתפלל צו זיין פאר אים אין ראש השנה, וואס דאס איז זיכער דער רצון פון השי"ת. דערפאר איז ראש השנה "יום הזכרון", ווייל יעדער איז מחויב צו געדענקען מתפלל צו זיין פאר זיין חבר.

**כ"ק מרן רבינו שליט"א** זאגט א שיינער טעם: אין **זוהר הק'** (ח"א דף קפו.) שטייט, אז אין די טעג פון ראש השנה, זאל מען נישט ארויסזאגן מיטן מויל קיין שום זינד וואס מען האט געטוהן. און עס ווערט געברענגט אין **תולעת יעקב**, אז וועגן דעם זאגט מען נישט ארויס פון מויל קיין זינד, ווייל מען זאל נישט געבן קיין געלעגנהייט פארן יצר הרע, וואס ווארט און לאקערט צו רעדן שלעכט'ס אויף אידישע קינדער. אבער אין די פוסקים שטייט, אז אינזינען האבן אונזערע זינד דארף מען יא.

דאס קען זיין די טעם פארוואס דער יו"ט הייסט **"יום הזכרון"**, ווייל נאר אין "זכרון" מעג מען ארויפברענגען די זינד, אבער נישט מיטן מויל.

### יום הדין

ראש השנה ווערט אויך אנגערופן מיטן נאמען "יום הדין", דער טאג וואס השי"ת משפט די גאנצע וועלט.

עס ווערט געברענגט אין **"ספר החינוך"** (מצוה שי"א): הקב"ה טוט מיט אלע זיינע באשעפענישן א געוואלדיגן חסד, אז יעדע יאר וויל הקב"ה זעהן זייערע מעשים איינמאל אין יאר, כדי זייערע זינד זאלן זיך נישט פארמערן אזוי ווייט, אז זיי זאלן נישט קענען האבן א כפרה. הקב"ה איז א רב חסד און ער טוט נייגן צו חסד, און ווייל די עבירות זענען ווייניג, טוט ער זיי מעביר זיין. עס איז דא אזעלכע עבירות וואס דארפן געלייטערט ווערן, טוט הקב"ה צוביסלעך באצאלן, אזוי ווי דער סדר איז פון א גוטן פריינד, אז ער האט ביי איינעם א גרויסן חוב, נעמט ער פון אים צוביסלעך. אזוי אויך הקב"ה, ווען השי"ת וואלט ווען נישט יעדע יאר באזונדער זיך אומגעקוקט, וואלט ווען די וועלט נתחייב געווארן ח"ו כליה, צוליב די גרויסע זינד.

דערפאר, ווייל הקב"ה האט געגעבן דעם חשוב'ן טאג, וואס ער קוקט זיך אום. איז דער טאג די באפעסטונג פון דער וועלט, דערפאר איז דער טאג א יום טוב.

אבער ווייל דער טאג איז א יום הדין, דארף מען שטיין מיט פחד און מורא, מער ווי אן אנדערן טאג, אדער יום טוב, וואס דערפאר בלאזט מען מיט א שופר, ווייל דער שופר האט אין זיך א אייגנשאפט, ער ברענגט אריין אין א מענטש א שרעק, און צוברעכט דאס הארץ פון דעם מענטש. מרמז צו זיין, אז יעדער זאל צוברעכן זיין שטארקן יצר הרע, און מען זאל חרטה האבן אויף אלע שלעכטע מעשים.

### יום תרועה

אין די תורה ווערט אנגערופן דער יו"ט מיטן נאמען "יום תרועה".

דער **"מנורת המאור"** זאגט, פארוואס דער טאג פון ראש השנה ווערט אנגערופן **"יום תרועה"** און נישט **"יום תקיעה"**? ווייל דער מענטש וואס האט חרטה אויף זיינע זינד, וויינט, זיפצט און קלאגט אויף זיי. און ווייזט דערמיט, אז ער האט פארלאזט די עבירות, און וועט עס מער נישט טוהן. אויף דעם ווייזט די תרועה, וואס די תרועה איז א קול אזוי ווי איינער וואס קלאגט. קומט אויס אז די תרועה איז וויכטיגער פון אלעם, דערפאר האט די תורה געזאגט, **"יום תרועה יהיה לכם"**.

דאס ווארט "תרועה" איז אויך טייטש צובראכן. דאס הייסט, דער מענטש מוז צוברעכן זיין הארץ און תשובה טוהן. אזוי ווי אין פסוק שטייט (תהלים ב, ט), "תרעם בשבט ברזל", דו וועסט זיי צוברעכן מיט אן אייזערנעם רוט.

# א טייערער עוֹלם הבא

דער אטמאספער אין בית המדרש, איז אנגעפולט מיט הייליגקייט. עס איז ביי דעם סעודת ראש חודש. דער רבי - דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע - פירט דעם סעודת ראש חודש טיש, ווען ארום אים זיצן זיינע נאנט'סטע תלמידים. א הייליגקייט און דערהויבנקייט שוועבט דארט, ביז די איינפאכערע אנהענגער, וואס זענען געקומען קיין לובלין בעיקר צוליב גשמיות'דיגע פראבלעמען, האבן זיך אפגערוקט מיט גרויס יראת הכבוד, צום ברעג טיש, און פון דארט צוגעקוקט און פראבירט צו באגרייפן עפעס, פון די הויכע תורה ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן, צווישן דעם רבי'ן און זיינע געהויבענע תלמידים.

פלוצלינג איז ענטשטאנען א שטילקייט אין בית המדרש. דער צדיק זיצט שטארק איינגעזונקען אין זיינע מחשבות, אזוי, אז עס איז קענטיג, דאס עפעס דריקט אויף זיין הארץ, אויף אזוי ווייט, אז עס שטערט אים זיין געהויבענע עבודה.

די אנוועזנדע באטראכן דעם צדיק, מיט גרויס שפאנונג. עפעס האט געהאנגען אין דער לופט... און ווי צו ענטפערן אויף די שפאנונג, האט פלוצלינג דער צדיק אויפגעהויבן זיין קאפ, ארום-געקוקט אויף זיינע נאנטע תלמידים און זיך אנגערופן: "ווען עס וואלט דא געווען איינער, וואס זאל אויסצאלן מיינע אלע חובות, וואלט איך אים צוגעזאגט א חלק לעולם הבא, מיט מיר, אין איין מחיצה!"

די ווערטער האבן געקלונגען, ווי א מעכטיגער דונער, 'א חלק לעולם הבא, אין איין מחיצה מיט דעם צדיק'? - ווער וועט דען נישט ארויף-טאנצן אויף אזא זעלטענע מציאה?

צווישן די תלמידים דארטביים טיש, זענען געווען עטליכע, וואס זענען לכתחילה ווערד געווען צו זיצן אין איין מחיצה מיט זייער גרויסן רבי'ן. זיי וואלטן מיט גרויס פרייד אפגעדעקט דעם רבי'נס חובות, וואס זענען געווען זייער גרויס. אבער ווי רייך זיי זענען געווען אין רוחניות, אזוי ארעם איז זייער גשמיות געווען, און דעריבער האט זיך קיינער פון זיי נישט אנגערופן.

עס געדויערט אבער נישט לאנג, און פון צווייטן ברעג טיש, הויבט זיך אויף א איד - אברהם אנשיל איז זיין נאמען - און דערנענטערט זיך צום אויבן אן.

"רבי, איך בין גרייט. איך וועל אלעס אויסצאלן, אבי צו זיין מיט דעם רבי'ן אין איין מחיצה בעולם הבא!"

ווי דער צדיק זעהט נאר דעם "קאנדידאט", באווייזט זיך א אומצופרידענע מינע אויף זיין געזיכט. אברהם אנשיל איז אפשר געווען א וואוילער איד - אבער זייער פראסט, קוים וואס ער האט געקענט עברי. גראדע געלט האט ער געהאט אסאך. געוואוינט אין 'פראגע', וואס איז געווען א זייטיגער געגנט אין ווארשע, און שטארק מצליח געווען אין אלע זיינע מסחרים. אבער ווי קומט אזא איינער, צו אזא געהויבענער חלק אין עולם הבא?

דער צדיק באטראכט אים מיט מילדע אויגן. "איך האב דא געמיינט, פון מיין חבריא קדישא" - ערקלערט ער - "עס איז נישט פאר דיר געזאגט געווארן".

"אבער דער רבי האט געזאגט 'ווער', און נישט באגרעניצט דעם 'ווער' אויף זיינע תלמידים" - גיבט אברהם אנשיל - וואס איז א געניטער סוחר - נישט אויף.

"זאגסט ריכטיג" - ערקלערט דער צדיק געמיטליך - "דאס איז אבער נישט פאר דיר. דו וועסט זיך נישט שפירן גוט, אין אט די מחיצה. און געדענק, עס רעדט זיך נישט פון א צייטווייליגע זאך, נאר פון נצח נצחים!"

אברהם אנשיל אבער גיבט נישט אויף. דער רבי האט צוגעזאגט, קען ער נישט צוריק-ציהען זיין צוזאג. און וויפיל דער רבי ערקלערט אז גן עדן איז נישט א מתנה וואס א מענטש קען טרעפן אדער קויפן, נאר מ'דארף זיך פלאגן דערויף דעם גאנצן לעבן און דערהייבן די נשמה שוין אויף דער וועלט, און לויט די הויכקייט וואס מען דערגרייכט דא, קען מען זיין דארט - האט עס נישט געהאלפן. אברהם אנשיל איז איינגעשפארט. ער וועט נישט דורכלאזן דעם "זעלטענעם געשעפט", עס זאל אויסרינען פון צווישן זיינע פינגער...

ווען דער צדיק זעהט זיין איינגעשפארטקייט, ווערט אויך שטרענגער די מינע אויף זיין געזיכט. "אויב דו עקשן'סט זיך אזוי, זאלסטו וויסן, אז פריער דארפסטו נעמען אויף זיך דריי באדינגונגען - אלע דריי באדינגונגען וועלן מוזן אויסגעפירט ווערן, כאטש וואס יעדע איינע פון זיי, איז זייער שווער".

אברהם אנשיל שאקלט מיט די קאפ. נאך פאר ער הערט די באדינגונגען, איז ער שוין גרייט זיי צו אויספירן - נעשה ונשמע! - עס איז פאר אים זייער אן ערנסטער מאמענט, דער גורל'דיגסטער מאמענט אין זיין לעבן.

און אט ווערן געשטעלט אלע דריי באדינגונגען: ערשטנס, וועט ער דערלייגן זיין גאנץ פארמעגן. צווייטנס, וועט ער זעלבסט שטארק קראנק ווערן, מיט א שווערע 'צרעת' פון קאפ ביז פיס, וואס וועט אים באגלייטן אזוי לאנג וואס ער וועט לעבן. און דריטנס, יעדן ראש השנה מוז ער זיין אין לובלין. אויב פארפעלט ער איין ראש השנה, איז דער געשעפט נישט געשעפט, אויך ווען די צוויי ערשטע באדינגונגען זענען פולשטענדיג אויסגעפירט געווארן. עס איז דערפון קלאר, אז ער קען נישט בלייבן אין לובלין, נאר א גאנץ יאר דארף ער ארויסוואנדערן, און זיין צוריק ראש השנה.

"קענסט נאך חרטה האבן" - פירט אויס דער צדיק, נאך וואס ער האט אראפגעלייגט די ליסטע פון די זייער שווערע באדינגונגען.

אויך די אנדערע אנוועזנדע, פילן פאר וויכטיג צו עצה'ן פאר דעם איינגעשפארטן איד, ער זאל אפלאזן דעם "געשעפט", דער פרייז דערצו איז צו טייער.

אבער אברהם אנשיל איז געבליבן איינגעשפארט. זיינע אויגן זענען פארמאכט, ער פארשטייט גוט די ערנסקייט פון די מינוט. עס איז אים זייער קלאר, וואס עס ערווארט אויף אים, אויב ער נעמט אן דעם "געשעפט". עס מיינט דאך, אז ער גייט גענצליך פארלירן דאס וואס עס איז אים געבליבן פון זיין עולם הזה. אלעס, נאר כדי צו האבן א הויכן חלק אין עולם הבא.

אבער ווייזט אויס, אז דער דערהויבענער אטמאספער דא, אין בית המדרש, האט אים גענצליך באנומען, אזוי ווייט, אז ער האט פארשטאנען ווי הבל'דיג זענען אלע גליקן וואס ערווארטן אים נאך, אין די צייטווייליגע יארן וואס זענען אים געבליבן דא אויף דער וועלט. און ער באשליסט, צו אוועק לייגן די צייטווייליגקייט, און אלעס אוועק געבן פאר די נצחיות פון עולם הבא.

"רבי, איך בין אויף אלעס גרייט!" - מורמלען זיינע ליפן.

דער רבי פארקלאפט זיינע הענט, איינע צו די אנדערע. "אויב אזוי, איז עס פארפאלן. קום צו מיין צימער, וועלן מיר רעדן איבער אלע איינצלהייטן".

נאך וואס מען האט געענדיגט דעם טיש, איז אברהם אנשיל אריין צום רבי'ן אין צימער. דארט איז פונקטליך געמאכט געווארן דער חשבון, וויפיל ער דארף דעקן דעם רבי'נס חובות. דער צאל איז געווען א גרויס פארמעגן.

אברהם אנשיל האט געהאט דאס גאנצע געלט ביי זיך. ווייל זיין קומען דא קיין לובלין, איז געווען נאר א סטאנציע צו זיין געשעפטליכע רייזע, דעריבער האט ער געהאט מיט זיך א זייער גרויסע סומע. דאס איז אויך געווען די סיבה, צוליב וועלכע ער האט געקענט זיך אונטער נעמען דעם "געשעפט", וויסנדיג, אז זיין ערשטן טייל אין דעם עסק - געבן דאס געלט - דאס קען ער יעצט באווייזן. לייגט ער עס דעריבער אראפ אויף דעם רבי'נס טיש, מיט זייער א ערנסטע מינע אויף זיין געזיכט. ער פארשטייט גוט, דעם געשעפט וואס ער האט דא איינגעהאנדלט: פארקויפט וואס עס איז אים נאך געבליבן פון זיין עולם הזה, וואס איז געווען פול מיט רייכקייט און גליק - אויף א עולם הבא, אין זייער הויכע הויכקייטן. אין איין מחיצה מיט דעם רבי'ן

* * *

אברהם אנשיל האט זיך צוריק געקערט צו זיין פרעכטיג הויז אין פראגע, פיל שנעלער ווי

דער ערשטער פלאן איז געווען, ווען זיין הויז געזונד האט זיך געפריידט צו אים. אבער דער פרייד, האט נישט געדויערט לאנג. זייער שנעל האבן די אומגליקן אנגעהויבן צו נאכיאגן איינע דאס אנדערע, עס האט נישט געדויערט מער ווי איינציגע חדשים, און ער איז געבליבן א עני ואביון.

אברהם אנשיל האט זיך געטראפן צושליסן צו א גרופע ארחי-פרחי'ניקעס. ער האט, ווי זיינע נייע פריינד, אנגעקלאפט, אין די טירן בעטן נדבות, ער זאל האבן פון וואס צו ערנערן זיין קערפער. גראדע האט מען אים געגעבן מער ווי פאר א אנדערן, ווייל מען האט געקענט מערקן אויף זיינע קליידער, אז כאטש וואס זיי זענען שוין זייער אפגענוצט און צוריסן, זענען זיי אבער געווען אמאל בגדי כבוד. נאטורליך, האט מען דאך מער רחמנות אויף א 'יורד', ווי אויף א ארעמאן, וואס איז שוין יארן אין אט די פאזיציע, און האט זיך שוין צוגעוואוינט צו אט דעם לעבן. אבער אויך דאס, האט זיך זייער שנעל געענדיגט. געווען איז עס אין א פרייטאג, ווען ער איז זיך געגאנגען טובל'ען לכבוד שבת, ווען עמיצן האט זיך פארגלוסט אין זיינע אפגענוצטע קליידער, און אים געלאזט אן גארנישט. זיינע נייע חברים, האבן אים באזארגט, דער א העמד, יענער הויזן, א אנדערער שיך און א פערטער זאקן. מיט אט די "נייע" קליידונג, האט ער שוין אויסגעזעהן ווי א ארעמאן און א ארחי פרחי'ניק פון יארן לאנג, און מער נישט זוכה געווען, צו א באזונדערע רחמנות.

אברהם אנשיל האט געוואוסט, אז עס איז נאר א פראגע פון צייט, ווען ער וועט אויסגעשלאגן ווערן מיט א שווערן 'צרעת'. ער האט דאך איינגעזעהן, אז אלע ווערטער פונעם צדיק ווערן מקוים. און כאטש וואס ער האט זיך גענצליך אפגעשיידט פון זיין געליבטע משפחה, האט ער נישט חרטה געהאט. געשפירט, אז עס לוינט. נאך אלעמען, האט ער געטאן א זעלטן גוטן געשעפט...

אין דעם ערשטן ראש השנה, איז אים נאך גאנץ גרינג אנגעקומען, צו אנקומען קיין לובלין. צום אנדערן יאר אבער, ווען די צרעת האט זיך אנגעהויבן צו צושפרייטן איבער זיין קערפער, איז אים שוין פיל שווערער געווען, דער וואנדערן איבער די וועגן. די צרעת איז געווען שטארק בולט אויף זיין קערפער, וואס נישט נאר געזונטע און געוויינטליכע מענטשן האט זיך דערווייטערט פון אים, מורא האבנדיג זיך צו אנשטעקן אין דעם אום-היילבארן קרענק - נאר אויך ארחי פרחי'ניקעס. ער האט פארשטאנען, אז קיינער וועט אים מער נישט ארויפנעמען אויף זיין וואגן, צו מאכן כאטש א קורצער שטיקל וועג. און דעריבער האט ער שוין אנגעהויבן צו מאכן דעם וועג קיין לובלין, דריי חדשים פריער, כאטש וואס ער איז לכתחילה נישט געווען אזוי ווייט. ער האט אבער געוואוסט, אז ער וועט מוזן מאכן דעם גאנצן וועג צופוס, טריט ביי טריט, און עס קען געדויערן גאנץ לאנג.

צו זיין גרויס פרייד, איז ער אנגעקומען קיין לובלין, אויף "סליחות". ער האט געשפירט, אז זיין פלאג איז נישט געווען אומזיסט. ער שטייט דערוויל, אין אלע דריי תנאים.

אין דעם קומענדיגן יאר אבער, איז די צרעת געווארן פיל שווערער. פון לובלין האט ער געמוזט ארויסגיין, לויט דעם רבי'נס אנווייזונגען. ער האט נישט געוואנדערט אויף זייער ווייט, אבער דאך, האט ער נישט געקענט בלייבן צו לאנג אויף איין פלאץ. און פיר מאנאט פאר ראש השנה, האט ער באשלאסן, אז כאטש וואס ער געפינט זיך אין א שטאט, וואס אין די גוטע יארן, וואלט ער געקענט מאכן דעם וועג פון דארט קיין לובלין אין איינציגע טעג, מיט א פערד און וואגן, אדער אין עטליכע וואכן מיט די פיס. איז אבער יעצט דער צושטאנד איינגאנצן אנדערש. די וואונדן פון די צרעת, האבן זיך שטארק אויסגעלייגט אויף זיין פוס-פלאך, און יעדער טריט קומט אים זייער שווער אן. אויף אזא אופן, וועט דער וועג נעמען זייער לאנג, און מען דארף זיך שוין ארויסלאזן צום וועג. ווייל אז נישט, ווער ווייסט אויב ער וועט אנקומען באצייטנס...

ווען מען זאל דערציילן פאר אברהם אנשיל, אין זיינע גוטע יארן, אז אין בלויז איינציגע יארן שפעטער, וועט ער קענען קוים גיין, און יעדער קליינער וועג, וועט אים אויסקוקן ווי א הויכער און אומדערגרייכבארער בארג, וואלט ער נישט געגלויבט, אז אזוינס קען פאסירן.

אצינד אבער, פארזוכט ער אט די שוועריקייט אויף זיינע אייגענע ביינער. ביי יעדן טריט וואס ער מאכט, שפירט ער נעבעך עקסטרעע יסורים. ער איז אבער נישט צוזאמען-געברויכן ביי זיך, פארקערט, ער פארשטייט, אז אט די אלע יסורים זענען נישט אומזיסט. ווי האט דער צדיק געזאגט? "עולם הבא איז נישט א מתנה וואס א מענטש קען טרעפן אדער קויפן, נאר מ'דארף זיך פלאגן דערויף דעם גאנצן לעבן". און ער - אוי ווי ער פלאגט זיך אויף דעם חלק עולם הבא, וואס ער האט זיך איינגעהאנדלט. יעדער פלאג, איז א טייל פון די געצאלט. און ער איז גרייט צו צאלן גערן דעם פרייז. ער לעבט יעצט, נאר פאר איין ציל: צו קענען ווערד זיין צו זיין מיט דעם צדיק בעולם הבא, אין איין מחיצה.

די טעג פאראייניגן זיך אויף וואכן, וואכן אויף חדשים, און פלוצלינג כאפט זיך אברהם אנשיל, אז כאטש וואס ער איז טאקע זייער נאנט קיין לובלין, אבער מיט די לאנגזאמקייט מיט וועלכע ער באוועגט זיך, וועט ער זיכער נישט אנקומען באצייטנס קיין לובלין.

עס איז שוין נאנט צו ראש השנה. דאס זעהט ער, דורך די וועגנער וואס פארן קיין לובלין, און וואס נעמען גערן ארויף, די וואס מאכן דעם וועג צופוס. יא, אלעמען נעמט מען גערן ארויף, אויסער אים. ווי מען זעהט נאר זיין אויסגעשלאגענער קערפער, גיבט מען שנעל א שמיץ מיט דעם בייטש, די פערד זאלן זיך שנעל דערווייטערן. נישט, אז מען האט נישט רחמנות, פארקערט, די רחמנות איז זייער גרויס, אבער צוזאמען מיט דעם, האט מען אויך רחמנות אויף זיך אליין. קיינער וויל זיך נישט אריינשטעלן אין געפאר, פון אנגעשטעקט ווערן אין אזא סארט צרעת.

עס איז שוין ערב "זכור ברית". ווען אברהם אנשיל זעהט איין אויף זיכער, אז מיט זיין גאנג, וועט ער קיין לובלין נישט אנקומען אויף ראש השנה, האט א שרעקליכע פארצווייפלונג אים ארומגענומען. איז עס מעגליך, אז נאך אלעס וואס ער האט מיטגעמאכט, וועט ער דערלייגן דעם געשעפט? - עס איז דאך אוממעגליך אזא זאך צו דערלאזן...

און אויב ביז יעצט, האט ער נישט געוואגט צו בעטן ביי די דורכפארנדע וועגנער, מען זאל אים ארויפנעמען, האט ער יעצט באשלאסן, אז ער וועט יא בעטן. אפשר וועט זיך פארט מאכן א בעל רחמנות, וואס וועט אים יא ארויפנעמען.

ער שטעלט אפ איין וואגן און נאך א וואגן, אבער ווער עס זעהט זיין קרענקליכע אויסזעה, איז גרייט אים צו ווארפן א מטבע, א שטיקל ברויט, א פלאש טרינקען. אבער ארויפנעמען אויף דעם וואגן, דאס נישט.

און לובלין איז נאך אזוי ווייט... אזוי ווייט אויף צו קענען אנקומען אהין אין דעם קומענדיגן טאג, גייענדיג אזוי שפאן נאך שפאן...

פלוצלינג פאלט אים עפעס איין, פאר דעם פארצווייפלטן אברהם אנשיל. ער וועט זיך פשוט אויסלייגן אינמיטן וועג, און נישט ערלויבן די וועגענער צו דרוכפארן, אן וואס מ'זאל אים ארויפנעמען.....

איי, עס קען זיך דאך מאכן, אז מען וועט נישט באמערקן דעם וואס ליגט אויף די וועגן, און אים צוטרעטן אויף טויט, ח"ו - זיין קערפער וועט דאך נישט אויסהאלטן, אפילו א קליינעם עקסידענט... - דאך האט ער דערפון נישט מורא. סייווי זעהט ער איין, אז זיין לעבן האלט זיך שוין ביים ענדיגן. לויט די יסורים וואס די צרעת פאראורזאכט אים, פארשטייט ער, אז זיינע טעג זענען געציילטע. אויב וועט אויף אים א וואגן אריבער פארן, און דערמיט אריבער פירן לעולם שכולו טוב, דאן האט ער נאך גארנישט דערלייגט, פון דעם גלענצנדן געשעפט וואס ער האט געמאכט. דער תנאי איז דאך געווען, צו אנקומען קיין לובלין ביים לעבן, און נישט נאכן טויט... אויב שטארבט ער פאר ראש השנה, האט ער נאך פולשטענדיג אויסגעפירט דעם תנאי, און דארף זיך מער פון גארנישט פארכטן...

ליגט ער אזוי אויף דעם וועג, און ווארט אויף דעם וואגן, וואס וועט אים אויסלייזן פון זיין שרעקליכע פארצווייפלונג - אדער דורך ארויפנעמען און ברענגען קיין לובלין פאר ראש השנה - אדער...

פונקט איז עס געווען א רוהיגערע צייט, אין וועלכע וועגנער זענען נישט דורכגעפארן דעם וועג. אבער אט הערט זיך דער פערד-גאלאפ, וואס קומט אלץ נענטער און נענטער. און דאס הארץ קלאפט מיט גרויס ערווארטונג, צו וואס דער נאנטער צוקונפט וועט ברענגען...

דער וואגן שטעלט זיך אפ באצייטנס. דער בעל עגלה גייט אראפ זעהן, ווער עס ליגט אזוי אויסגעצויגן אויף דעם וועג, און ערלויבט נישט צו דורכפארן - און ווערט שטארק ערשיטערט. "עס איז עפעס א ארעמאן, וואס איז נעבעך געשלאגן מיט א שווערע צרעת" - מעלדט ער פאר זיינע פאסאזשירן.

"וואס ווילסטו?" פרעגט ער ביי דעם וואס ליגט דארט אויסגעצויגן.

"אנקומען נאך היינט קיין לובלין" - פליסטערן די ליפן גענוג הויך, כאטש וואס עס קומט אן מיט נישט ווייניג אנשטרענגונג.

צוויי פון די פאסאזשירן גייען אראפ פון וואגן, און נעמען ארויף דעם אומגליקליכן. מען פראבירט אים צו אוועקלייגן, און מאכן דאס באקוועמסטע וואס מעגליך.

ער האט נישט געוואוסט, אברהם אנשיל, ווער עס איז דער גרויסער בעל רחמנות, וואס האט צוגעשטימט צו ארויפנעמען א מצורע אויף זיין וואגן, ער איז אבער געווען צו שוואך, אויף צו פרעגן און אפילו טראכטן.

"וואו ווילסטו אנקומען?" - פרעגט מען אים.

"אין הקדש" - קען ער קוים באוועגן די ליפן.

די פארנדע אויף דעם וואגן, זענען געווען עטליכע פון די געהויבנסטע תלמידים פון הייליגן 'חוזה'. איינער פון זיי איז געווען נישט קיין אנדערער, ווי דער צוקונפטיגער 'שר שלום' פון בעלזא - דער ערשטער בעלזא'ער רב.

ער האט געזארגט פערזענליך, מען זאל אפטראגן דעם אומגליקליכן ארעמאן צום הקדש, וואו מען האט אים געלייגט אין א אפגעזונדערט ווינקל, און אויך געזארגט, מען זאל אים געבן עפעס טרינקען און עסן, אויף צו דערהאלטן זיין לעבן.

באלד דערנאך, האט זיך דער שר שלום געוואנדן צום רבי'נס הויז, אים אפגעבן שלום.

דער גבאי וואס דערקענט גוט דעם געהויבענעם גאסט, און מאכט אים געווענליך באלד פריי דעם וועג צום רבי'ן, פארמאכט אים יעצט דעם וועג. "דער רבי האט מיר באפוילן, איך זאל אייך נישט אריינלאזן!" - ערקלערט ער, אן קיין איבעריגע הקדמות.

דער שר שלום פארשטייט, אז מסתמא האט ער נישט גענוג תשובה געטוהן, און דעריבער איז ער נישט ווערד צו אריינקומען צום רבי'ן. ער ווערט באלד ארומגענומען מיט גרויס צובראכנקייט, גייט אין זיין אכסניא, און הויבט אן צו מפשפש זיין במעשיו און מאכן א חשבון הנפש מיט גרויס צובראכנקייט און מיט זודיגע טרערן.

דאן גייט ער צוריק צום רבי'נס הויז. "דער רבי האט נישט געענדערט זיין באפעל" - ערקלערט דער גבאי צום אנטוישטן תלמיד.

ווידער קערט זיך צוריק, דער שר שלום, צו זיין אכסניא. ער טוהט ווידער תשובה מיט גרויס צובראכנקייט, ער שפירט אבער, אז עפעס איז דא נישט גלאטיג. וויפל ער איז מפשפש אין זיינע מעשים, זעהט ער איין, אז ער האט שוין תשובה געטוהן. איז פארוואס לאזט אים נאך אלץ דער צדיק נישט אריין?

ער גייט אין בית המדרש אריין, דארט באגעגנט ער עטליכע פון די חבריא קדישא, וואס זענען געקומען צום רבי'ן אויף די ימים הנוראים, און דארט ווערט ער געוואויר, אז די סיבה וואס דער צדיק לאזט אים נישט אריין, איז ווייל ער האט צו אים א טענה, פארוואס ער האט אריינגעברענגט מיט זיין וואגן קיין לובלין, עמיצן א חולה צרעת, וואס איז געלייגט געווארן אין הקדש.

אויב אזוי איז די מעשה, פילט דער שר שלום, ווי א שווערע שטיין איז אים אראפ פון הארצן. אויב אזוי, קען ער טאקע שוין גיין צום רבי'ן. און כאטש וואס דער גבאי זאגט אים, אז עס איז דערווייל נישט געקומען קיין נייע אנווייזונג צו אים, גייט ער גלייך אריין צום רבי'נס צימער, און רופט זיך באלד אן, מיט גרויס יראת הכבוד: "א איד ליגט אינמיטן וועג, בעט און וויינט, מען זאל אים ברענגען אין שטאט אריין. איז ווייל מיר האבן אים געטאן די טובה און געברענגט צום הקדש, ווער איך אזוי הארב באשטראפט?"

דער צדיק קוקט אים אן א מינוט, און דאן גייט ער צו, צו זיין קעסטל ספרים, נעמט ארויס פון דארט א אור אלטע "קבלה" ספר - וואס איז געווען זייער חשוב ביים אר"י הקדוש - מיטן נאמען "ברית מנוחה", עס איבערגעגעבן אין האנט פון זיין תלמיד, און געזאגט: "אויב דו האסט שוין אנגעהויבן מיט די מצוה, דארפסטו עס אויך ענדיגן! גיי צום הקדש, און לערן מיט יענעם איד אין דעם ספר. אויב עס וועט דערווייל ווערן די צייט צו מאכן קידוש, וועל איך דיר שיקן וויין; אויב עס וועט קומען די צייט פון די סעודה, וועל איך דיר שיקן די גאנצע סעודה; אויב ווערסטו נישט ענדיגן לערנען מיט אים, און שוין דארפן שופר בלאזן, וועל איך דיר שיקן א שופר. אבער דו טארסט אים נישט אפלאזן, ביז דו ענדיגסט נישט לערנען מיט אים דעם גאנצן ספר, פון דעקל צו דעקל".

דער שר שלום הערט, און עס ווערט אים שווארץ פאר די אויגן. ער איז געקומען קיין לובלין, כדי צו אנוועזנד זיין ביים רבי'נס תפילות, נתעורר ווערן פון דעם ברען און מיט אים צוזאמען זיין, ווען עס וועט קומען זיין צייט, צו געשטעלט ווערן פאר דעם משפט אין דעם יום הדין, אנשטאט דעם, וועט ער דארפן דעם גאנצן הייליגן טאג, פארברענגען דארט אין הקדש, מיט עפעס א קראנקן איד?

ער פארשטייט אבער, אז ער טאר נישט נאכטראכטן דעם רבי'נס אנווייזונגען. ער נעמט דעם ספר, און גייט באלד צום הקדש.

"דער רבי האט מיר באפוילן, צו לערנען מיט דיר דעם ספר" - האט ער געזאגט צו דעם געשטאלט, וואס איז דארט געלעגן אין א ווינקל, און אויסגעזעהן מער טויט ווי לעבעדיג.

יענער האט לייכט געעפנט די אויגן, און דער שר שלום האט אנגעהויבן צו פארלערנען פון דעם ספר. טראץ זיין גרויס אנטוישונג, וואס אנשטאט צו זיין אין די מחיצה פון רבי'ן דעם גאנצן יו"ט, דארף ער דא זיין, אין דעם הקדש - האט זיך דער שר שלום געשטארקט, און פארגעלערנט מיט גרויס התלהבות. פון מאל צו מאל, ווארפט ער א בליק אויף דעם קראנקן, און זעהט אין זיינע האלב-פארמאכטע אויגן, אז נישט נאר וואס ער האלט מיט, נאר ער פארשטייט וואס ער הערט. ווייזט אויס, אז די צרות וואס ער איז פארביי, האבן נישט נאר אויסגעלייטערט זיין גוף, נאר אויך זיין מוח. אויף צו פארשטיין אזעלכע שווערע לערנונגען.

די שעה'ן זענען פארביי. אינמיטן לערנען, האט דער שר שלום געמאכט א קורצע הפסקה, אין וועלכע ער האט געדאוונט מעריב, געמאכט קידוש און שנעל אפגעגעסן די סעודה, וואס איז אים געברענגט געווארן, און באלד דערנאך, ווייטער געלערנט א גאנצע נאכט.

ערשט פארטאגס, האט ער געענדיגט פארלערנען דעם ספר. און ווי נאר ער האט געענדיגט, האט ער באמערקט, ווי עס ענדערט זיך דער געזיכט פון דעם קראנקן, און ער הויכט אויס זיין נשמה...

דער שר שלום האט געמאלדן ביי די פירער פון דעם הקדש, איבער די פטירה פון דעם איד, און האט זיך געאיילט צום רבי'ן. דער צדיק האט אים אויפגענומען, מיט א אויפגעלויכטענעם געזיכט. "דו האסט אים ארויפגעברענגט אויף זייער א שיינעם ארט" - האט ער אים געזאגט מיט א קענטיגן פרייד. און אלס הכרת הטוב, האט ער אים געגעבן דעם הייליגן ספר, אלס געשאנק.

* * *

נאך די פטירה פון דעם "שר שלום" זי"ע פון בעלזא, האבן זיינע הייליגע זוהן געמאכט צווישן זיך א גורל, ווער עס וועט ירש'ענען דעם הייליגן ספר. זיין זוהן הרה"ק רבי יהושע זי"ע, האט זוכה געווען אין דעם, און דאן האט ער דערציילט, וואס זיין פאטער האט אים דערציילט, ווי אזוי ער האט זוכה געווען אין דעם ספר.

זכותם הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

*ביי תפילת מנחה ערב ראש השנה פארנאכט'ס, שטייט מען שוין אין די לעצטע מינוט'ן פונעם יאר. פונדעסטוועגן בעטן מיר דעמאלטס: "ברך עלינו ה' אלקינו את השנה הזאת", השי"ת זאל אונז בענטשן דאס יאר. איז דאך שווער צו פארשטיין עס קומט דאך שוין א נייע יאר, אויב אזוי פארוואס בעטן מיר, אז השי"ת זאל פאר אונז בענטשן דאס יאר וואס איז שוין כמעט דורך?*

*זאגט דער ערשטער בעלזער רב - דער הייליגער "שר שלום" זי"ע: דאס קומט אונז ווייזן, אז "ישועת ה' כהרף עין". דערפאר זאל זיך א איד קיינמאל נישט מייאש זיין פון בעטן דעם באשעפער פאר זיינע באדארפענישן, ווייל אפילו אין דער לעצטער מינוט, קען נאך זיין די ישועה.*

# אוצר הטעמים

## ערב ראש השנה

### פארוואס זאגט מען אסאך סליחות ערב ר"ה

ערב ראש השנה פירט מען זיך צו אויפשטיין פארטאגס, און מען זאגט מער סליחות ווי אין די אנדערע טעג. ווייל פונקט ווי ביי יעדע זאך איידער עס קומט אן איז מען אויף דעם מתפלל. למשל, איידער עס פאנגט זיך אן א נייע וואך, איז מען מתפלל אז די נייע וואך זאל זיך אנהייבן צום גוטן. אזוי אויך איידער עס פאנגט זיך אן די נייע יאר, איז מען מתפלל עס זאל זיך אנהייבן א גוט געבענטשט יאר און א שנת גאולה וישועה.

*(סמיכת משה)*

### פארוואס זאגט מען נישט קיין תחנון ערב ראש השנה

ווייל ביי תחנון לייגט מען אראפ דעם קאפ, וואס דאס ווייזט אביסל אויף טרויער'דיגקייט. און ערב ראש השנה דארף מען ווייזן, אז מען איז בשמחה, און מען פארלאזט זיך אויף השי"ת, אז ער וועט אונז פארגעבן אלע עבירות אויב מ'וועט תשובה טוהן.

*(עבודת ישראל)*

### פארוואס בלאזט מען נישט קיין שופר ערב ר"ה

ווייל מען וויל אפטיילן, צווישן די בלאזן שופר פון גאנץ חודש אלול, וואס דאס איז נישט א חיוב מן התורה, נאר חז"ל האבן דאס שפעטער מתקן געווען צו טוהן. און צווישן בלאזן שופר פון ראש השנה, וואס דאס שטייט יא אין די תורה, אז מען דארף בלאזן.

*(טורי זהב, סי' תקפ"א)*

נאך א טעם: כדי מען זאל פארמישן דעם שטן, ער זאל נישט וויסן ווען עס איז ראש השנה, און דורך דעם וואס מען הערט אויף צו בלאזן ערב ר"ה, מיינט ער, אז ר"ה איז שוין דורכגעגאנגען, און אזוי קען ער שוין נישט רעדן שלעכט'ס אויף די אידן.

*(מג"א סי' תקפ"א סקי"ד)*

### פארוואס מאכט מען התרת נדרים

ווייל די עבירה פון נישט איינהאלטן א נדר, איז זייער הארב און גרויס, און דאס איז גורם מיתה פאר זיין ווייב, און זיינע קינדער שטארבן ווען זיי זענען נאך קליין ר"ל. דעריבער וויל מען, אז די עבירה זאל נישט זיין אויף אונז, ווען מען גייט משפט'ן די וועלט.

*(אלף המגן, סי' תקפ"א)*

### פארוואס קויפט מען א נייע מעסער

עס ווערט געברענגט א מנהג פון בעל שם טוב הקדוש זי"ע, צו קויפן א נייע מעסער לכבוד ראש השנה. א רמז צו דעם "שם" פון פרנסה "חתך" - שניידן.

הרה"ק מהרי"א מזידיטשוב זי"ע, האט געזאגט, אז יעדער איינער זאל קויפן ערב ראש השנה א נייעם מעסער, און דאס אויסשארפן, ווייל דאס איז מסוגל אויף פרנסה אויף א גאנץ יאר.

## ליל ראש השנה

### פארוואס זאגט מען לדוד מזמור ר"ה ביינאכט

עס ווערט געברענגט פון הייליגן אריז"ל זי"ע, אז מען זאל זאגן ראש השנה ביי מעריב נאך שמונה עשרה, דעם קאפיטל "לדוד מזמור לה' הארץ ומלואה", מיט גרויס כוונה. און דאס איז א סגולה, אז עס זאל נישט פעלן קיין פרנסה א גאנץ יאר.

*(חיד"א)*

### פארוואס וואונטשט מען לשנה טובה

עס זענען דא צוויי מלאכים, וואס באגלייטן דעם מענטש ראש השנה ביינאכט, און זיי הערן ווי יעדער וואונטשט אים פון הארצן מיט אן אמת, "לשנה טובה תכתב ותחתם", גייען די מלאכים ארויף אין הימל, און זענען מליצי יושר פאר דעם מענטש, אויסצובעטן פאר אים א שנה טובה ומתוקה.

*(צמח צדק)*

## סעודת ליל ראש השנה

### פארוואס עסט מען רונדעכיגע חלות

ווייל די רונדעכיגע חלות האבן א פארעם ווי א קרוין. דאס איז א רמז דערויף וואס מיר זענען מתפלל אין די טעג, "ובכן לך הכל יכתירו", אז יעדער זאל באקרוינען השי"ת.

נאך א טעם קען זיין: ווייל א רונדעכיגע זאך, האט נישט קיין עק און נישט קיין סוף. דערפאר איז דאס א גוטע סימן אויף "אריכות ימים".

*(תורת משה מהדורא תליתאי)*

### פארוואס טינקט מען איין די המוציא אין האניג

ווייל חז"ל זאגן, אז ווען מען טוט תשובה מאהבה ווערן די עבירות וואס מען האט עובר געווען במזיד, איבערגעדרייט צו מצוות. דאס זעלבע טרעפן מיר ביי האניג, אז דאס האט אויך דעם זעלבן כח, אז דאס דרייט איבער צום גוטן וואס עס געפינט זיך אין אים. ווי דער רמ"א אין יורה דעה (סי' פ"ד) ברענגט פונעם "מרדכי", אז אויב א נבילה פלייש האט זיך געווייקט אין האניג, ביז דאס איז פשוט פארוואנדלט געווארן אין האניג, עס זעהט שוין אויס ווי האניג, מעג מען דאס שוין עסן, כאטש פריער איז דארט געווען נבילה פלייש, ווייל דאס איז מער נישט קיין נבילה, נאר האניג. זעהען מיר דערפון אז האניג איז די איינציג'סטע זאך וועלכע קען פארוואנדלען אן איסור, עס זאל ווערן א היתר.

דערפאר טונקען מיר איין די מוציא אין האניג, דערמיט מרמז צו זיין, אז מיר זאלן זוכה זיין, אז אונזערע עבירות זאלן איבערגעדרייט ווערן צו מצות, דורכדעם וואס מיר וועלן זוכה זיין צו טוהן "תשובה מאהבה", אזוי ווי די טבע פון האניג וואס האט דעם כח, אז דאס דרייט איבער צום גוטן. אויך זענען מיר דערמיט מרמז, אז הקב"ה זאל איבערדרייען דעם מדת הדין אויף מדת הרחמים, אזוי ווי די טבע פון האניג.

*(קרן לדוד דרוש לר"ה ח')*

## פארוואס מאכן מיר סימנים ראש השנה ביינאכט

אביי זאגט, אז ווען מען מאכט סימנים, זענען זיי אן איבערצייג, אז עס וועט באמת אזוי פאסירן. דערפאר זאל דער מענטש זיין געוואוינט אנהייב יאר - ראש השנה, צו מאכן אזעלכע סימנים, וואס ווייזן אז מען וועט געבענטשט ווערן מיט א גוט יאר. און דערפאר זאל מען עסן די מאכלים, "קרא, רוביא, כרתי, סילקא ותמרי".

*(כריתות ו.)*

דער הייליגער חתם סופר זי"ע שרייבט: עס איז נישט קיין ספק ביי מיר, אז די אלע סימנים וואס ווערן געגעסן ראש השנה, מאכן א רושם אין הימל צום גוטן.

*(תורת משה מהדורא תליתאי)*

## פארוואס טינקט מען איין עפל אין האניג

די שכינה הקדושה ווערט אנגערופן "חקל תפוחין", א פעלד פון עפל. דערפאר מאכן מיר א סימן אויף זיס צו מאכן כביכול די שכינה הקדושה. דאס מיינט אז די שכינה הקדושה זאל אריבערגיין פון מדת הדין צו מדת הרחמים.

*(אלף המגן)*

נאך א טעם: ווייל די גמרא זאגט (שבת פח.), אז אידישע קינדער זענען גלייך צו עפל, וואס איז אנדערש ווי אנדערע פירות, וואס ביי איר וואקסט די פרי נאך פריער פונעם בלעטל. אזוי אויך האבן אידישע קינדער געזאגט "נעשה" פריער פון "נשמע". ווילן מיר דערמיט מעורר זיין ביי השי"ת, אז השי"ת זאל אונז טוהן "מדה כנגד מדה", אויך ערפילן אונזערע בקשות צום גוטן, נאך איידער וואס מיר זאגן דאס ארויס פון מויל.

*(דברי יואל ר"ה אות כח)*

## פארוואס פירט מען זיך צו נעמען בינען האניג

ווייל פונקט ווי דער בין גיבט קודם א ביס, און דערנאך גיבט ער דעם זיסן האניג, אזוי זענען מיר מתפלל ארויסצוציען פונעם מדת הדין, - וועלכע איז גלייך ווי דער ביס, צום מדת הרחמים, - וועלכע איז גלייך ווי דער האניג. דערפאר דארף מען נעמען רויע האניג ווייל "רוי" ווערט אין לשון הקודש אנגערופן "חי", וואס איז אויך טייטש "לעבעדיג", אן אנדייטונג אז מיר זאלן פארשריבן ווערן צום לעבן.

*(מדרש פנחס)*

## פארוואס עסט מען מילגרוים

ווייל מיר ווילן דערמיט מעורר זיין אויף אידישע קינדער, דעם זכות וואס די גמרא דרשנ'ט אויפ'ן פסוק פון שיר השירים (ד, ג), "כפלח הרמון רקתך", דיין שטערן איז אזוי שיין ווי דער שפאלט אין דעם מילגרוים. אז אפילו אידישע קינדער וועלכע זענען ליידיג פון מצוות ומעשים טובים, זענען זיי פארט אזוי פול מיט מצות, ווי דער מילגרוים איז פול מיט קערנדליך.

*(אמרות צדיקים)*

## פארוואס עסט מען זיסע מייערן

ווייל "מייערן" איז א לשון פון "מערן", אן אנדייטונג אז אונזערע זכותים זאלן זיך מערן אום ראש השנה.

## פארוואס עסט מען א ראש כבש

עס איז א מנהג צו עסן א "ראש כבש" - א קאפ פון א שעפסל, אדער א ווידער. וועגן צווי טעמים: א') שנהיה לראש ולא לזנב. ב') כדי צו דערמאנען דעם זכות פון "עקידת יצחק", ווייל אנשטאט יצחק האט מען גע'שחט'ן אן איל.

*(טור)*

## פארוואס עסט מען רוביא און מ'זאגט שירבו זכויותינו

ווען מען עסט רוביא זאגט מען "שירבו זכויותנו", ס'זאל זיך פארמערן אונזערע זכותים. מיר בעטן "שירבו זכויותנו" וואס דאס איז א לשון רבים, און מיר זאגן נישט "זכיותי" וואס דאס איז א לשון יחיד, וואס דאס מיינט "מיינע זכותים". קען זיין אז דער טעם פון דעם איז, לויט ווי דער ישמח משה זאגט, אז ווען א רבים טוהען תשובה, ווערט זייער תשובה גערעכנט ווי דאס וואלט געווען "תשובה מאהבה", ד.מ. פון ליבשאפט צום הייליגן באשעפער. וועגן דעם בעטן מיר מיט א לשון רבים, ווייל אונזער כונה איז, אז מיר זאלן זוכה זיין צו א תשובת רבים, דעמאלטס וועט דער אויבערשטער רעכענען אונזערע עבירות פאר זכיות.

*(דברי יואל)*

## פארוואס עסט מען כרתי

מען פירט זיך צו עסן "כרתי", און מען זאגט "יהי רצון מלפני אבינו שבשמים שיכרתו שונאינו", דער אויבערשטער זאל פארשניידן אונזערע שונאים. דאס מיינט דער ריכטיגער שונא, דער שטן מיט זיין גאנצע גרופע, וואס זענען מקטרג אויף אידן אין הימל ראש השנה. דעריבער בעטן מיר דעם אויבערשטן, זיי זאלן פארשניטן ווערן און נישט קענען רעדן שלעכטס אויף אידן.

*(אלף המגן)*

## פארוואס עסט מען פיש ראש השנה

מען איז מדקדק צו עסן פיש ראש השנה, ווייל פיש פארמערן זיך זייער אסאך, און א דאנק וואס זיי זענען באהאלטן אין וואסער, פון מענטשנ'ס אויגן, שאדט זיי נישט קיין עין הרע. וואונטשט מען זיך אן, אז מען זאל זיך מערן און עס זאל נישט שאדן קיין עין הרע, אזוי ווי פאר פיש.

נאך א רמז איז דא אויף דעם: ווייל פיש האבן נישט קיין אויגן ברעמען, זיי האבן שטענדיג אפן זייערע אויגן. דערפאר זאלן מיר געדענקען מעורר צו זיין אן אפענע אויג פון הימל, וואס איז מרמז אויף גרויסע רחמים און חסדים, אזוי ווי עס שטייט אין תהלים (קכ"א ד') "הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל", השי"ת דרימלט נישט, און שלאפט נישט, דער היטער פון די אידן.

*(אלף המגן סי' תקפ"ג סקכ"ב)*

# תפילת ראש השנה

## פארוואס רופט מען דעם מענטש וואס דאוונט ביים עמוד מיטן נאמען בעל תפלה

דער ענין קען אפשר זיין, ווייל ס'איז גלייך צו דעם וואס פירט זיין אייגענעם הויז, וואס מען רופט אים מיטן נאמען "בעל הבית", ווייל ער איז דער וואס קוקט זיך אום אויף דעם גאנצן הויז, אז עס זאל גארנישט פעלן אין דעם הויז, דערפאר איז ער דער בעל הבית, ווייל דער גאנצער אחריות פונעם הויז ליגט נאר אויף אים.

דאס זעלבע איז דער בעל תפילה, וויבאלד אויף אים ליגט דער גאנצער פליכט, צו זעהן אז זיינע תפילות זאלן זיין בשלימות, ער זאל דאווענען מיט ריינע כוונות און נאר לשמה, וואס איז פאר השי"ת'ס כבוד, און דעמאלט וועלן זיינע תפילות דערהערט ווערן אין הימל. דערפאר רופט מען אים "בעל תפילה".

*(ארן העדות לר"ה ד"ה טעם)*

## פארוואס דארף מען וויינען ביים דאווענען

ווייל דורך דעם וויינען קען מען פועל'ן, אז מען זאל ווערן איבערגעשריבן צווישן די צדיקים, אפילו אויב מען איז שוין חלילה געווען פארשריבן צווישן די רשעים.

*(אלף המגן)*

## פארוואס שרייט מען אויס המלך

דערפאר שרייט מען הויער המלך, כדי צו ווייזן פאר די גאנצע וועלט, אז מיר זענען ממליך אויף זיך הקב"ה, און מיר זענען פריש מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים.

*(אלף המגן סי' תקפ"ד סקט"ו)*

## פארוואס זאגט מען שיר המעלות ממעמקים

דערפאר זאגן מיר נאך ישתבח, "שיר המעלות ממעמקים קראתיך ה'". ווייל דאס איז מסוגל מבטל צו זיין און אוועקנעמען די גבורות, מקטריגים און דינים, וועלכע ווילן מקטרג זיין אויף אידישע קינדער.

*(שער הכוונות דף צ.)*

## פארוואס דאוונט מען די שמונה עשרה איינגעבויגן

אין די טעג וואס מען ווערט גע'משפט אין הימל, דאוונט מען מיט מער מורא פאר השי"ת, און דערפאר דאוונט מען אויך איינגעבויגן, ווייל מען האט מורא זיך אינגאנצן אויסצוגלייכן, צוליב מורא און פחד פון השי"ת און זיין משפט.

*(טור סי' תקפ"ב)*

## פארוואס זאגט מען המלך הקדוש

ווייל דעמאלטס איז די צייט וואס השי"ת טוט משפט'ן די וועלט, און השי"ת משפט יעדן לויט זיינע מעשים. דעמאלטס ווערט דערקענט פאר יעדן דאס מלכות פון השי"ת, אז ער איז דער קעניג פון דער וועלט און השי"ת געוועלטיגט אויף אלעם וואס איז דא אויף דער וועלט, און דאס מלכות שמים ווערט דערהויבן און מפורסם אויף די גאנצע וועלט.

*(לבוש)*

## פארוואס דערמאנט מען נישט ביים דאווענען ר"ח

דער טעם פארוואס מען דערמאנט נישט ביים דאווענען, אז ראש השנה איז א' דראש חודש תשרי. איז כדי דער שטן זאל נישט וויסן ווען עס איז ראש השנה, וועט ער נישט קענען מקטרג זיין אויף אידישע קינדער.

*(לבוש סי' תקפ"ב ס"ו)*

דער טעם קען מען פארשטיין מיט א משל צו א קעניג, וואס איז געקומען אין שטאט אריין מיט זיינע גרויסע חשוב'ע מענטשן. דערמאנט מען דעמאלט נישט, אז די גרויסע חשוב'ע מענטשן זענען מיטגעקומען מיטן קעניג, נאר מען דערמאנט אז דער קעניג איז דא. דעריבער ראש השנה וואס איז דער ערשטער טאג פון יאר, איז דאס גלייך ווי דער קעניג, דערמאנט מען נישט אז ראש חודש איז מיטגעקומען מיט'ן קעניג, וואס מיינט ראש השנה.

*(תשב"ץ בשם מהר"ם מרוטנבורג)*

## פארוואס זאגט מען עשה השלום

דערפאר לייגט מען צו ביי עשה שלום, א ה"א, און מען זאגט "עשה השלום". ווייל מיט א אות ה"א באטרעפט דאס ווארט דריי הונדערט איין און אכציג, פונקט ווי דער נאמען פון דעם מלאך [ספריא"ל], וועלכער פארשרייבט אינעם ספר החיים, די נעמען פון די וועלכע בלייבן לעבן.

*(לבוש סי' תקפ"ב ס"ה)*

## פארוואס עפנט מען דעם ארון הקודש פאר יעדע תפילה

דער ענין פון עפענען דעם ארון הקודש פאר יעדע תפילה קען מען פארשטיין מיט א משל: א קעניג האט געשיקט זיין מיליטער אויף א שווערע מלחמה, און דאס מיליטער האט שטארק מורא געהאט צו גיין מלחמה האלטן, ווייל דער שונא איז געווען זייער שטארק. האט דער קעניג זיי צוגעזאגט, אז ווען זיי וועלן זעהן אז די מלחמה איז שווער, זאלן זיי אויפהייבן פענער אלץ א סימן, און ער וועט זיך אומקוקן פון זיין פאלאץ, און פון דארטן וועט ער זיי העלפן מיט וואס ער וועט נאר קענען.

דאס זעלבע קען מען מסביר זיין, אז דערפאר עפענען מיר דעם ארון הקודש, כאטש הקב"ה ווייסט אלעס, מען דארף נישט מאכן קיין סימנים. פונדעסטוועגן עפענען מיר דעם ארון הקודש, כדי מעורר צו זיין, אז השי"ת זאל זיך אויף אונז אומקוקן יעצט ווען מיר שטייען אין דעם יום הדין.

*(תפארת עוזיאל ליזהכ"פ)*

## פארוואס זאגט מען אבינו מלכנו

ווייל די גמרא ברענגט, אז אמאל ווען עס איז נישט געקומען קיין רעגן א לענגערע צייט, האט מען גוזר תענית געווען און מתפלל געווען. און ווען מען איז אויך נאכן תענית נישט געהאלפן געווארן, איז דער הייליגער תנא רבי עקיבא צוגעגאנגען אלס שליח ציבור, און האט געזאגט "אבינו מלכנו חטאנו לפניך, אבינו מלכנו אין לנו מלך אלא אתה" - מיר האבן נישט קיין קעניג אויסער דיר, און עס האט תיכף אנגעהויבן צו רעגענען. אזוי ווי מען איז דעמאלט איבערצייגט געווארן אינעם חשיבות פון די תפילה, האט מען דערצו צוגעלייגט נאך תפילות און בקשות, און מען האט דאס באשטימט צו זאגן אין עשרת ימי תשובה.

*(בית יוסף סי' תקפ"ד בשם הכל בו)*

## פארוואס זינגט מען ביי קדיש

ביי קדיש תתקבל נאך אבינו מלכנו, זינגט מען א שיינעם ניגון, צו ווייזן אז מיר זענען זיכער, אז דער אויבערשטער וועט ברוב רחמיו וחסדיו אונז דן זיין לכף זכות.

אבער ווען מען זאגט "תתקבל", זינגט מען נישט. ווייל דאס איז אונזער עיקר געבעט ר"ה, אז דער אויבערשטער זאל אננעמען אונזערע תפלות.

*(מטה אפרים)*

## פארוואס זאגט מען לעילא ולעילא

דערפאר זאגט מען א דאפלטע לשון "לעילא ולעילא". ווייל אין די טעג ווערט השי"ת דאפלט דערהויבן פון אלע באשעפענישן, ווייל השי"ת זיצט אויף דעם כסא דין, און אלע דארפן אים לויבן און בעטן רחמים ביים דין.

*(לבוש סי' תקפ"ב ס"ה)*

## פארוואס זאגט מען נישט הלל ראש השנה

די גמרא זאגט, אז די מלאכי השרת האבן געזאגט פארן אויבערשטן: "רבונו של עולם, פארוואס זאגן די אידן נישט קיין שירה פאר דיר ראש השנה און יום כיפור?" האט דער אויבערשטער זיי געענטפערט: "איז דען מעגליך אז דער קעניג זיצט אויף זיין שטול ווי ער משפט, און די ספרים פון די לעבעדיגע און פון די טויטע זענען פאר אים אפן, זאלן די אידן דעמאלט זאגן פאר מיר שירה?!"

*(ראש השנה ל"ב.)*

## פארוואס פירט מען זיך צו ארויסגעבן יעדן יאר נייע ניגונים אויף די הייליגע טעג

עס איז א מנהג צו מאכן יעדע יאר נייע ניגונים, לכבוד די הייליגע טעג. דער יטב לב זאגט א טעם, מיט א משל, פון א זון פון א קעניג וואס האט זיך פארזינדיגט פאר דעם מלך, דער קעניג האט אים פארטריבן אויף א ווייטע פלאץ, און ער האט געשיקט שרים זאלן אים

אכטונג געבן. יעדע שטיקל צייט האט ער אים געשיקט פיינע זאכן, און די שרים האבן אלעס צוגעכאפט. נאך א שטיקל צייט האט דער זון אנגעהויבן צו חרטה האבן, האט ער געשריבן א בריוו פאר זיין טאטן, אז ער האט חרטה און ער בעט אים איבער. אבער ווען די שרים האבן דאס געזעהן האבן זיי דאס צוריסן, ווייל זיי האבן געוואוסט אז דער קעניג וועט דעמאלטס אויפהערן צו שיקן די פיינע זאכן פאר זיין זון. ווען דער זון פונעם קעניג האט געזעהן אז די בריוו'ן קומען נישט אן, איז אים איינגעפאלן א פלאן, אז ער וועט שרייבן אסאך שטותים, און צווישן דעם וועט ער אריינשרייבן פאר זיין טאטע, אז ער בעט אים מוחל. אזוי האט ער טאקע געטוהן, און ווען ער האט געשיקט די בריוו האבן די שרים טאקע נישט פארשטאנען, אבער דער קעניג האט זייער גוט פארשטאנען, און ער האט גלייך צוריק געברענגט זיין זון צו אים.

דער נמשל איז: די אידן זענען פארטריבן אין גלות, און זיי דאווענען א גאנצע צייט פארן באשעפער, אבער די מקטריגים שטופן אוועק זייערע תפלות. וועגן דעם גיבט מען ארויס נייע ניגונים, וואס די מקטריגים קענען נישט, און אזוי קומען אן די תפלות צום הייליגן באשעפער.

אבער אויב די מקטריגים ווערן הערן יעדן יאר די זעלבע ניגונים, און זיי וועלן זעהן אז דער אויבערשטער נעמט אן די תפלות דורך די ניגונים, וועלן זיי דאך שוין יא וויסן, אז דורך דעם קומט אן אונזערע תפילות צום באשעפער. וועגן דעם האט מען געמאכט, אז יעדן יאר גיבט מען ארויס נייע ניגונים, און ווען די מקטריגים הערן דאס, טראכטן זיי אז דאס איז נישט די דאווענען, און אזוי ווערט אנגענומען אונזערע תפלות.

*(ברך משה)*

## תקיעת שופר

### פארוואס גייט מען אין מקוה פאר תקיעת שופר

מען קען דאס מסביר זיין, מיט דעם וואס עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים, אז אויב א מענטש האט געזינדיגט, און עס ווערט אפגעטוהן פון אים דער צלם אלוקים, איז די עצה אויף דעם צו גיין אין מקוה, וואס וואשט אפ זיינע אלע רוחניות'דיגע שמוץ, און עס ברענגט צוריק דעם צלם אלוקים.

מיט דעם פארשטייען מיר די ווערטער, וואס מיר זאגן ביי מוסף: "ארשת שפתינו יערב לפניך וכו' 'מביט' ומקשיב לקול תקיעתינו". "מביט" איז טייטש ער קוקט. לכאורה וואס איז שייך צו קוקן ביי תקיעת שופר? נאר עס קען זיין, אז בשעת ווען מען בלאזט שופר קוקט דער אויבערשטער אויף אונז, צו זעהן אויב מיר האבן א צלם אלקים. אזוי ווי דער אלשיך הק' טייטשט (שיר השירים ב' יד): "כי קולך ערב", ווען איז דיין שטימע שיין, ווען עס איז "מראיך נאוה", דו האסט א צלם אלקים. דאס איז די כוונה, דער אויבערשטער איז נישט נאר "מבין ומאזין" צו אונזערע תקיעות, נאר ער איז אויך "מביט ומקשיב", ער קוקט צו מיר האבן דעם צלם אלוקים, ווייל נאר דעמאלטס איז "קולך ערב".

מיט דעם קען מען פארשטיין פארוואס חסידים ואנשי מעשה פירן זיך צו טובל'ען נאכאמאל פאר די תקיעות, כאטש מען האט זיך שוין גע'טובל'ט פארן דאווענען. וויבאלד דער אויבערשטער קוקט אויף אונז, ווי אזוי מיר קוקן אויס בשעת די תקיעות, און מיר ווילן האבן דעם צלם אלוקים, דעריבער גייט מען זיך וואשן אין מקוה, אז מיר זאלן צוריק באקומען דעם צלם אלוקים.

*(כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א)*

### פארוואס בלאזט מען שופר

עס ווערט געברענגט פון רבי סעדיה גאון, צען טעמים דערויף:

א) ווייל ראש השנה איז דער טאג וואס דער אויבערשטער איז געווארן קעניג אויף דער וועלט. און פאר קעניגן בלאזט מען מיט טראמפייטער'ס ווען זיי ווערן קעניג.

ב) ווייל ראש השנה איז דער ערשטער טאג פון עשרת ימי תשובה, וועקט מען אויף מיט דעם די מענטשן זיי זאלן תשובה טון.

ג) צו דערמאנען "קבלת התורה", וואס איז געווען מיט א שטארקן שופר. אזוי ווי עס שטייט: "וקול שופר חזק מאד".

ד) צו דערמאנען די מוסר רייד פון די נביאים, וואס זענען געגליכן צו א שופר. אזוי ווי עס שטייט: "כשופר הרם קולך".

ה) צו דערמאנען דעם חורבן בית המקדש, וואס די גוים האבן דעמאלטס געבלאזן מיט שופרות. און דורך דעם וועלן מיר בעטן, אז דער דריטער בית המקדש זאל אויפגעבויט ווערן.

ו) אונז צו דערמאנען ווי יצחק האט געהאט מסירות נפש ביי די עקידה, און מיר זאלן אויך האבן מסירות נפש ביי עבודת ה'.

ז) אז מיר זאלן זיך שרעקן. ווייל די קול פון א שופר שרעקט איבער א מענטש.

ח) צו דערמאנען, אז היינט איז דער יום הדין הגדול והנורא, און מיר זאלן מורא האבן.

ט) מיר זאלן אריינטראכטן, און גלייבן, ווי אזוי משיח וועט איינזאמלען אלע אידן פון גלות, מיט א שופר.

י) אונז צו דערמאנען "תחיית המתים". אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה יח-ג): "כל יושבי תבל ושוכני ארץ, כנשא נס הרים תראו וכתקע שופר תשמעו".

### פארוואס בלאזט מען שופר ערשט נאך קריאת התורה

דערפאר בלאזט מען שופר ערשט נאך קריאת התורה, נישט ווי ביי אלע אנדערע מצוות וואס מען טוט ווי פריער, ווי חכמינו ז"ל זאגן (יומא כח:) "זריזין מקדימין למצות". נאר דער טעם איז, ווייל עס איז אמאל געווען א צייט וואס די גוים האבן ארויסגעגעבן א גזירה אויף אידישע קינדער, אז זיי טארן נישט מקיים זיין קיין מצוות, ווען עס איז געקומען ראש השנה האבן די גוים, די רשעים, געווארט ביז האלבן טאג צו זעהן אויב אידישע קינדער וועלן שופר בלאזן, האבן אידישע קינדער נישט געקענט מקיים זיין די מצוה פון תקיעת שופר ווילאנג די רשעים האבן אויף זיי געווארט און געלאקערט, ערשט נאך חצות, ווען די גוים זענען אוועק געגאנגען האבן זיי מקיים געווען די מצוה פון תקיעת שופר. איז שוין פון דעמאלטס אן געבליבן אויף שטענדיג, אז מען בלאזט שופר ערשט נאך האלבן טאג.

*(בית יוסף סי' תקפ"ה)*

⁂

נאך ווערט געברענגט, אז אמאל האבן אידישע קינדער געבלאזן שופר אינדערפרי, האבן די גוים געמיינט, אז דאס איז א סיגנאל, אז די אידן ווילן גיין מלחמה האלטן מיט די גוים, האבן זיי אויסגע'הרג'עט פיל אידן. האט מען דעמאלטס מתקן געווען, אז מ'זאל קודם דאווענען שחרית און ליינען קריאת התורה, און ערשט דערנאך זאל מען שופר בלאזן, וועלן די גוים פארשטיין, אז דאס געהערט צום סדר פון דאווענען. און כאטש די גזירה איז שוין בטל געווארן, פונדעסטוועגן דאך האבן מיר מורא, אפשר וועט די גזירה צוריק קומען, דערפאר בלאזט מען שופר שטענדיג ערשט ביי תפלת מוסף.

*(תוס' בשם ירושלמי ר"ה לב:)*

### פארוואס זאגט מען זיבן מאל למנצח לבני קרח

פארן בלאזן זאגט מען דאס קאפיטל "למנצח לבני קרח מזמור". ווייל דעם מזמור פלעגן די לויים זינגען אין בית המקדש בשעת די עבודה ראש השנה.

*(קצה המטה)*

⁂

אין דעם קאפיטל פון "למנצח לבני קרח", ווערט זיבן מאל דערמאנט דאס ווארט "אלקים", וואס דער שם איז מרמז אויף דין, און דורכן זאגן דעם קאפיטל זענען מיר מבטל אלע דינים, און די מדת הדין ווערט איבערגעדרייט אויף מדת הרחמים. און ווען מען זאגט דאס זיבן מאל, קומט אויס, אז מען דערמאנט דאס ווארט "אלקים", ניין און פערציג מאל, איז דאס אנטקעגן ניין און פערציג פנים טמא, און ניין און פערציג פנים טהור, וואס דורך דעם ווערן זיי נמתק, און מיר גייען ארויס זכאי ביים דין.

*(אלף המגן סי' תקפ"ה אות ה')*

דער סדר פון האנדלען איז, אז ווען מען קויפט איין עפעס און מען וויל דאס פארשטארקן, אז נישט דער פארקויפער און נישט דער קויפער זאלן קענען חרטה האבן, מאכן זיי א "תקיעת כף", מען גיט זיך די האנט איינער פארן אנדערן, און דאס פארשטארקט דעם מקח. דערפאר זאגט מען דעם קאפיטל "למנצח לבני קרח מזמור כל העמים תקעו כף", וואס דער מזמור רעדט, ווען משיח צדקינו וועט קומען, און השי"ת וועט קעניגן אויף די גאנצע וועלט, וואס דעמאלטס וועלן אלע פעלקער פון די וועלט אננעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים, און זיי וועלן דאס פארשטארקן, דורך דעם וואס אלע פעלקער וועלן זיך געבן די האנט איינער פאר דעם אנדערן, כדי מחזק צו זיין אז זיי וועלן שוין שטענדיג גלייבן אין השי"ת. אזוי אויך זענען מיר מקבל אויף זיך יעצט פאר תקיעת שופר, אז מיר וועלן שוין מער נישט זינדיגן, און מיר פארשטארקן דאס דורך א "תקיעת כף". דערפאר דערמאנען מיר דעם פסוק פון "כל העמים תקעו כף".

*(אהל שלמה)*

## פארוואס פארדעקט מען דעם שופר בשעת די ברכה

וויל דאס שופר בלאזן איז א זכר אויף עקידת יצחק, און ביי עקידת יצחק שטייט אין פסיקתא, און אויך אין מדרש רבה (בראשית פ' נ"ו), אז פאר די עקידה, ווען אברהם אבינו האט געבויעט דעם מזבח, האט אברהם אבינו באהאלטן יצחק אבינו ביז צו די עקידה, כדי דער שטן זאל נישט וואַרפן דעם מעסער אויף יצחק'ן און אים פסל'ן. און וויבאלד מיר בלאזן מיט א שופר פון אן איל, וואס איז א זכר אויף עקידת יצחק, דערפאר פארדעקט מען דעם שופר ביז מען בלאזט דערמיט.

*(אלף המגן סי' תקפ"ה אות ז')*

נאך א טעם: וויבאלד מען מאכט נישט די ברכה אויפן בלאזן מיטן שופר, נאר אויף דאס הערן דאס שופר בלאזן. דערפאר איז רעכט, אז מען זאל באדעקן דעם שופר בשעת די ברכה, כדי דער שופר זאל נישט זעהן אין זיין שאנדע. ווי מיר טרעפן דאס גלייכן ביי דעם ענין פון קידוש פרייטיג צו נאכט, אז מען זאל באדעקן די חלה בשעת קידוש, כדי די חלות זאלן נישט זעהן זייער שאנדע, אז מען מאכט נישט קידוש אויף זיי.

*(אבני נזר סי' תל"א)*

## פארוואס האלט מען דעם שופר ביי די רעכטע זייט פונעם מויל

וויל עס שטייט אין פסוק (זכריה ג' א'): "והשטן עומד על ימינו לשטנו", דער שטן שטייט אויף די רעכטע זייט מקטרג צו זיין. דערפאר בלאזט מען אויף די רעכטע זייט, אז דער שטן זאל נישט קענען מקטרג זיין.

*(מטה משה)*

## פארוואס דארף דער שופר זיין איינגעבויגן

כדי דער מענטש זאל זיך דורכדעם דערמאנען, און געדענקען, זיך איינצובייגן און אונטערטעניג צו מאכן דאס הארץ פאר השי"ת. וואס דאס איז דער שליסל צו תשובה און תפלה ווי עס דארף צו זיין.

*(טור)*

## פארוואס בלאזט מען אויפן סדר תשר"ת

עס ווערט געברענגט א רמז אויפן סדר פון בלאזן שופר, אז קודם בלאזט מען א "תקיעה", דאס איז א גלייכער קול, צו ווייזן אז דער מענטש איידער ער זינדיגט איז אויך געווען "גלייך". דערנאך בלאזט מען מיט א צובראכן קול "שברים תרועה", צו ווייזן אז ווען מען זינדיגט ווערט מען "צובראכן". און ווען מען טוט תשובה ווערט מען צוריק "גלייך", ווי אין אנהייב, דעריבער בלאזט מען צום סוף אויך א "תקיעה".

נאך א טעם: וויל די תקיעה וואס איז א גלייך קול, ווייזט אויף די מדה פון "אהבה", וויל מען איז נאנט און באליבט, האלט מען זיך גלייך. "תרועה", וואס דאס איז א צובראכן קול, ווייזט אויף די מדה פון "יראה", וויל ווען מען האט מורא פון איינעם איז מען צובראכן ביי זיך. דאס ווייזט אז אין דעם טאג דארף מען פון דאסניי מקבל זיין און נעמען אויף זיך, ליב צו האבן השי"ת, מורא האבן פאר אים, היטן זיין תורה, און ערפילן זיינע מצות.

*(הישר והטוב)*

## פארוואס בלאזט מען א תקיעה גדולה

די לעצטע תקיעה וואס מען בלאזט נאכן דאווענען, בלאזט מען א לאנגע תקיעה. דאס איז צו פארטומלען און פארמישן דעם שטן, ער זאל נישט מקטרג זיין אויף אידישע קינדער נאכן דאווענען, אז יעצט גייען זיי אהיים עסן, טרינקען און זיך פרייען, אזוי ווי זיי האבן נישט קיין מורא אין אזא הייליגן טאג.

*(טורי זהב)*

ווען מען ענדיגט בלאזן שופר, בלאזט מען צום לעצט א לאנגע תקיעה. דאס איז כדי יעדער זאל וויסן, אז די קולות פונעם בלאזן האבן זיך געענדיגט, און זיי זאלן זאגן "אשרי העם יודעי תרועה". אזוי ווי מיר טרעפן בי מתן תורה, ווען די שכינה איז אוועק פונעם בארג סיני, שטייט אין פסוק: "במשך היובל המה יעלו בהר", ווען דער שופר וועט לאנג בלאזן וועט מען מעגן ארויף גיין אויפן בארג סיני, וויל דאס איז א סימן, אז די שכינה האט זיך אפגעטוהן פונעם בארג. דאס זעלבע ביי תקיעת שופר, ווען השי"ת שטייט אויף פון דעם שטול פון דין, און זעצט זיך אויף דעם שטול פון רחמים. דערפאר ווען מען ענדיגט שופר בלאזן, בלאזט מען א א לאנגע תקיעה, אויף דעם סימן, אז די שכינה טוט זיך יעצט אפ.

*(מהרי"ל, קצה המטה)*

## פארוואס זינגט מען אינמיטן שופרות ביים קאפיטל הללוי-ה קל בקדשו

רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, איז דאס מסביר, מיט די ווערטער פונעם הייליגן זיידן דער ייטב לב זי"ע, וואס זאגט אין ייטב פנים (מאמר שירת דוד אות ד'), א שיינע רמז פונעם ישמח משה פארוואס מען בלאזט שופר חודש אלול.

וויבאלד עס ווערט געברענגט אין שבלי לקט (סי' קע"ב), אז פון וואו ווייסן מיר אז מען זאגט הלל יעדן ר"ח, וויל דוד המלך האט דאס מרמז געווען אין די לעצטע קאפיטל תהלים, וואס דארט שטייט צוועלעף מאל הללו. לויט דעם קומט אויס אז די ערשטע הללוי-ה איז אויף חודש ניסן, וואס דאס איז די ערשטע חודש. הללו קל בקדשו, איז אויף חודש אייר, א.א.וו. קומט אויס, אז "הללו בתקע שופר", איז פאר חודש אלול, וועגן דעם בלאזט מען אלול שופר.

זאגט רביה"ק זי"ע: וויבאלד אין דעם מזמור איז מרומז אלע צוועלעף חדשים, איז כדי צו מעורר זיין רחמי שמים, אז אלע צוועלעף חדשים הבעל"ט זאלן זיין לוסטיג און פריליך, דעריבער טאנצט מען ביי דעם קאפיטל.

*(ברך משה)*

# עניני יום ראש השנה

## פארוואס שלאפט מען נישט ר"ה בייטאג

ווער עס שלאפט אין אנהייב יאר - ראש השנה, ווערט זיין מזל אויך פארשלאפן, רח"ל.

*(רמ"א)*

די גמרא (סנהדרין לב.) זאגט: די אידן ווערן גע'משפט בייטאג. דערפאר שלאפט מען נישט ראש השנה בייטאג, ווייל די הלכה איז, אז מען קען נישט משפט'ן קיין מענטש, נאר ווען דער בעל דין אליין איז פערזענליך ביים בית דין ווען מען משפט אים. דערפאר אויב ער וועט שלאפן בייטאג, ווען מען משפט אים, וועט מען אים נישט קענען משפט'ן, ווייל ער מוז דאך זיין ביים משפט, דערפאר טאר מען נישט אין די צייט ווען מען משפט אים שלאפן.

*(בשורות טובות בשם הרה"ק מגארליץ זי"ע)*

## פארוואס פירט מען זיך צו זאגן תהלים

דער מנהג איז, אז ראש השנה זאגט מען אלע פינעף ספרים פון תהלים. א רמז דערויף קען זיין, אז די ראשי תיבות, מיט די סופי תיבות, פון די ווערטער "תרועה יהיה לכם", איז "ה' תהלים". דאס מיינט, אז מען זאל זאגן אין דעם טאג וואס מען בלאזט שופר, אלע פינעף ספרים פון תהלים.

*(בית ועד לחכמים)*

## פארוואס עסן מיר נישט ראש השנה קיין ניס

דער טעם איז, ווייל "אגוז" איז בגימטריא 17, און צוזאמען מיטן כולל, באטרעפט דאס 18. "חטא" איז אויך בגמטריא 18, און מיר ווילן נישט דערמאנען דער ענין פון "חטא" אין די הייליגע טעג.

ווייל דאס עסן ניס פארמערט דאס שפייען, און דאס שטערט צו דאווענען רואיג. דערפאר איז נישט ראטזאם צו עסן ניס אין די טעג, ווען מען דאוונט מער ווי א גאנץ יאר, און מען דארף זיך באפלייסן צו דאווענען נאך מיט מער כוונה ווי א גאנץ יאר.

*(רמ"א סי' תקפ"ג ס"ב)*

# תשליך

## פארוואס רופט מען דאס "תשליך"

ווייל מען זאגט דעם פסוק (מיכה ז, יט): "ותשליך במצולות ים כל חטאתם". מען בעט השי"ת, ער זאל אוועקווארפן אלע אונזערע עבירות אין די טיפענישן פונעם ים.

*(מטה אפרים)*

## פארוואס זאגט מען תשליך ביים וואסער

כדי מיר זאלן נתעורר ווערן צו תשובה דורך דאס וואסער פון ים. לויט ווי דער הייליגער ישמח משה זי"ע ברענגט אין תהלים "תפלה למשה", אויף דעם פסוק (תהלים קלז, א), "על נהרות בבל, שם ישבנו גם בכינו", נעבן די טייכן פון בבל, דארט זענען מיר געזעסן אויף דער ערד, קלאגנדיג נאכן חורבן בית המקדש. פרעגט דער ישמח משה וואס איז דער לשון "גם בכינו", אויך האבן מיר געוויינט? ווער האט דען אויך געוויינט אויסער די אידן?

זאגט דער ישמח משה פשט אזוי: דער מדרש רבה (איכה ב, יז) זאגט אויפן פסוק, "כי גדול כים שברך וגו'" גרויס ווי דער ים איז דיין בראך, דער וואס וועט אויסהיילן דעם בראך פונעם ים, דער וועט אויך אויסהיילן דיין בראך. ווייל ביי די וואסערן געפינען מיר אין מדרש (ויקרא רבה ב, יג), אז ווען השי"ת האט בשעת בריאת שמים וארץ, אפגעטיילט די אונטערשטע וואסערן פון די אויבערשטע וואסערן, האבן די אונטערשטע וואסערן געוויינט, פארוואס זענען זיי דערווייטערט געווארן פון השי"ת. זיי האבן גע'טענה'ט: "אנן בעי למהוי קמי מלכא" - מיר ווילן אויך זיין נאנט צו השי"ת. האט השי"ת זיי געטרייסט, אז מ'וועט נעמען פון די אונטערשטע וואסערן פאר די מצוה פון ניסוך המים סוכות. און אויך וועט מען נעמען זאלץ - וואס קומט פון די אונטערשטע וואסערן - פאר אלע קרבנות וואס מ'וועט מקריב זיין אויפן מזבח. קומט אויס אז דאס בראך פונעם וואסער איז, אז זי איז דערווייטערט געווארן פון השי"ת. און די רפואה איז, אז מ'וועט נעמען פון איר וואסער פאר די קרבנות.

אבער היינט ווען דאס בית המקדש איז ליידער חרוב געווארן, און עס איז ליידער מער נישטא קיין עבודה, מען נעמט נישט מער וואסער פאר די מצוה פון ניסוך המים, און נישט זאלץ פאר די קרבנות, איז דאס בראך פון די וואסער צוריק געקומען. אויב אזוי וויינען דאך צוריק די וואסערן. דערפאר ווען די אידן זענען אנגעקומען צו די טייכן פון בבל, האבן זיי פארשטאנען דאס געוויין פונעם וואסער, אז זיי זענען דערווייטערט געווארן, האבן זיי - די אידן - אויך מיטגעוויינט מיט די וואסערן, וואס זענען דערווייטערט געווארן.

דעריבער גייען מיר צום ים זאגן דארט תשליך, זיך צו אראפלערנען א מוסר השכל, ווי ווייט מען דארף תשובה טאן אויף די עבירות, וועלכע ברענגען אויך צו, אז די נשמה זאל דערווייטערט ווערן פון השי"ת. און דאס וועט צוברענגען דעם מענטש ער זאל נאכקוקן און פארעכטן זיינע מעשים און תשובה טאן, זיך צוריק צו קערן און זיך צו דערנענטערן צו השי"ת.

*(ייטב פנים)*

## פארוואס גייט מען צו א ים וואו ס'איז דא פיש

ווייל דאס זאל זיין א סימן, אז עס זאל נישט געוועלטיגן אין אונז קיין עין הרע, און מיר זאלן זיך פארמערן און פרוכטבארן אזוי ווי פיש אין וואסער.

*(דרכי משה סי' תקפ"ג אות ב')*

נאך א טעם: מרמז צו זיין, אז אזוי ווי די אויגן פון פיש זענען שטענדיג אפן און זיי שלאפן נישט. אזוי אויך בעטן מיר פון השי"ת, ער זאל שטענדיג אפהיטן די אידן מיט אפענע אויגן, פון אנהייב יאר ביז סוף יאר, וואס ווייזט אויף גרויסע רחמים.

*(של"ה מסכת ר"ה)*

נאך א טעם: ווייל "דגים" איז די ראשי תיבות "י"ג מ'כילין ד'רחמי" - דאס מיינט די דרייצן מדות וואס ווערן דערמאנט אלס די מדות פון רחמנות פון השי"ת. ביי תשליך זאגט מען "מי ק-ל כמוך וגו'" וואס דארט ווערן דערמאנט די י"ג מדות של רחמים.

*(שער בת רבים)*

## פארוואס שאקלט מען אפ דעם עק פון די מלבושים

מען שאקלט אפ די עק פון די מלבושים, ווען מען זאגט די ווערטער "ותשליך במצולות ים". מרמז צו זיין, אז מ'זאל אוועקווארפן די עבירות, און פון יעצט און ווייטער, אכטונג געבן זיך מער נישט צו פארשמירן ח"ו מיט עבירות, נאר די מלבושים ד.מ. דאס רעדן און טראכטן און אלעס וואס מ'טוט, זאלן זיין ריין פון יעדע סארט עבירה.

*(מטה אפרים סי' תקצ"ה ס"ד)*

# אוצר החכמה

ראש השנה ביי שחרית זאגן מיר, **"להוגה דעות בדין"**, אז פאר השי"ת וואס רעכט אפ דעם משפט, און וואס ער באטראכט די געדאנקען פון אלע מענטשן ביים משפט, גיבן אים אלע באשעפענישן א קעניגליכן קרוין.

מען קען זאגן א מליצה, לויט ווי די וועלט זאגט, אז דער וואס האט די מאה, דער האט די דעה, און וויבאלד מיר אידן האבן די **"מאה קולות"** פונעם שופר, דערפאר האבן מיר אויך א דעה זיך אויסצובעטן א גוט געבענטשט יאר פון השי"ת, וואס איז דער **"הוגה דעות"**. (בית אהרן)

☆ ☆ ☆

הרה"ק **רבי נפתלי ראפשיצער זי"ע** פלעגט ראש השנה זאגן א ווארט - וואס האט אויסגעזעהן פאר די צוהערער'ס ווי א גלייכווערטל. אבער, ווי זיין הייליגער שטייגער, האט ער אינזינען געהאט ביי דעם, גאר טיפע סודות און הייליגע כוונות:

"דריי האבן גרויס מזל אין ראש השנה, דער רבונו של עולם, די אידן און דער שטן.

דער רבונו של עולם, האט מזל, אז אברהם אבינו האט בלויז "געוואלט" שחט'ן זיין זוהן יצחק. פארן בלויז "וועלן" שחט'ן, באלוינט אונז דער באשעפער אָן אַן עק און גרעניץ שוין טויזנטער יארן... וואס וואלט געווען ווען אברהם אבינו וואלט ווירקליך גע'שחט'ן זיין זוהן? דער רבונו של עולם וואלט זיך קיינמאל נישט געקענט פטר'ן פון באצאלן פאר די אידישע קינדער...

די אידן, האבן א מזל, אז מ'האט איינגעפירט א מנהג צו זאגן בעפאר תקיעת שופר, 7 מאל דער קאפיטל: "למנצח לבני קרח מזמור". קלערט נאר אריין, וואס וואלט געווען ווען מען פירט איין א מנהג, צו זאגן פאר די תקיעות, 7 מאל דעם קאפיטל קי"ט פון תהלים... מ'וואלט ווען קיינמאל נישט געענדיגט...

דער שטן, האט גרויס מזל, אז דער בעל תוקע האלט זיין מויל ביים קליינעם לאך פונעם שופר. אזוי האט ער געגוג פלאץ ארויס צו פליהען פונעם צווייטן זייט דורכן גרויסן לאך... וואס וואלט געווען ווען דער בעל תוקע בלאזט אריין דורכן גרויסן לאך, וואלט דער שטן נישט געהאט גענוג פלאץ ארויסצופליהען פונעם קליינעם לאך..."

זעלבסט פארשטענדליך, אז אין דעם אלעמען ליגט באהאלטן גאר טיפע סודות וואס **"מי יעמוד בסוד קדושים"**.

☆ ☆ ☆

ווען דער הייליגער **רבי ר' העשיל זי"ע**, איז נאך געווען א קליין אינגל, האט אים זיין פאטער איינמאל געטראפן, ווי ער שטייט פאר תקיעות אין א ווינקל און ער עסט.

"הא?" - מוסר'ט אים ליבליך זיין פאטער - "פאר תקיעות עסט מען?" דער דער רבי ר' העשיל, איז אבער נישט דערשראקן געווארן, און באלד געענטפערט: "מיר זוכן דאך פארשידענע עצות, ווי אזוי צו צומישן דעם שטן, און דער ענין פון שופר בלאזן איז דאך אויך צוליב דעם, כדי צו צומישן דעם שטן. נו! איז מיר איינגעפאלן א גוטע עצה, אז ווען דער שטן וועט זעהן, אז איך עס, וועט ער ווערן צומישט און ער וועט זיך אויפהייבן און אוועקגיין, און מער נישט זאגן קיין שלעכט'ס אויף אידן, ווייל ער וועט זיכער מיינען, אז מיר האלטן שוין נאך די תקיעות"....

☆ ☆ ☆

איינע פון די טעמים פארוואס מען בלאזט שופר, איז כדי צו פארמישן דעם שטן. לכאורה ווי אזוי איז מעגליך, יעדע יאר צו פארמישן דעם שטן פון דאסניי? האט **הרה"ק רבי פנחס קאריץ'ער זי"ע** געענטפערט, אז יעדן יאר איז דא א נייער שטן, דער נייער שטן קען נישט געדענקען פון פאר א יאר, דערפאר האט ער מורא ווען ער הערט שופר בלאזן. (לקוטי יהודה)

☆ ☆ ☆

דער גאון **רבי שלמה קלוגער זי"ע**, האט אמאל גע'מוסר'ט א בעל תוקע, וועלכער איז צוגעגאנגען צו די תקיעות זייער קאלט. האט ער אים געזאגט: "עס איז אמת אז חז"ל זאגן, תקיעת שופר איז א חכמה און נישט קיין מלאכה, אבער מען טאר נישט פארגעסן אז **"ראשית חכמה"** איז **"יראת ה'"**.

☆ ☆ ☆

דער גאון **רבי צבי הירש זי"ע** דער רב פון **בערלין**, האט געוואוינט אינעם זעלבן הויף וואו דער שטאט'ס חזן. ווען ס'איז אנגעקומען חודש אלול, האט זיך דער חזן גענומען גרייטן צו די הייליגע טעג. ער האט צוזאם געשטעלט נייע ניגונים און תנועות, און דאס איבערגע'חזר'ט בייטאג און ביינאכט. זיינע געזאנגען האבן געשטערט פארן רב צו לערנען, האט דער רב געשיקט אים בעטן ער זאל זינגען אביסל שטילער.

דער חזן האט אבער נישט געפאלגט, און געהייסן דעם שליח איבערגעבן פארן רב די ווערטער: "איש על מחנהו ואיש על דגלו! יעדער זאל זיין באשעפטיגט מיט זיין אייגענע ארבעט, און זיך נישט אריינמישן ביים צווייטן. אזוי ווי דער רב וויל זיין באשעפטיגט מיט זיין לערנען, וויל איך אויך זיך באשעפטיגן מיט מיין חזנות"...

רבי צבי הירש זי"ע, האט זיך גענומען גוט צוהערן און אויפכאפן די אלע ניגונים, און ביז עטליכע טעג, האט ער זיי שוין גוט געקענט נאכזינגען.

דער מנהג איז דארט געווען, אז שחרית ראש השנה האט דער רב געדאווענט פארן עמוד, און מוסף האט דער חזן געדאווענט. דעם ערשטן טאג ראש השנה ביי שחרית, האט דער רב געזינגען די אלע ניגונים און תנועות וואס ער האט געהערט פונעם חזן, און דער עולם האט שטארק הנאה געהאט דערפון. ווען דער חזן האט דערנאך געדאווענט מוסף, האט ער נישט געהאט קיין ברירה, און ער האט געמוזט איבערזינגען אלע ניגונים וואס דער עולם האט שוין געהערט ביי שחרית...

נאך מוסף האט דער עולם באפאלן דעם חזן, פארוואס ער האט גארנישט געזינגען קיין נייע ניגונים. דער חזן האט פראבירט צו ערקלערן, אז אייגנטליך זענען די אלע ניגונים זיינס, נאר דער רב האט זיי געהערט פון אים. האט דער עולם אנגעהויבן צו שמייכלען, ווי דער רב האט אים געלערנט א פרק אין הלכות דרך ארץ.

גייט דער חזן צו צום רב, און פרעגט אים מיט צארן: "ווי טוט מען דאס אזא זאך???" האט דער רב באלד צוריק געענטפערט: "איש על מחנהו ואיש על דגלו! אזוי שיין ווי דו האסט געוואלט דאווענען מוסף, אזוי שיין האב איך געוואלט דאווענען שחרית. און פונקט ווי איך מיש זיך נישט אריין ביי דיין מוסף, זאלסטו זיך נישט אריינמישן ביי מיין שחרית"...

☆ ☆ ☆

**לעילוי נשמת**

**הרה"ח ר' חיים ב"ר אליעזר ז"ל**

**הונצח ע"י נכדו הר"ר יואל הײלברון הי"ו**